STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02943

KLANGEN UN GEZANGEN

Abe Sussman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלאנגען
און
געזאנגען

פון

אב. זוסמאן

KLANGEN UN GEZANGEN

By

ABE SUSSMAN
3226 W. Clifford Street
Philadelphia, Pa.

א דאנק מיינע פריינד

דאָס איז די צווייטע און פאַרגרעסערטע אויפלאגע פון מיין בוך. אין דעם אַרויסגעבען פון בײדע אויסגאבען האָבען א צאָהל פון מיינע פּערזענליכע פריינד ווי פריינדליכע אָרגאניזאציעס פיעל מיטגעהאָלפען, איך האלט עס דארום פאַר א הייליגען חוב אויסצודריקען מיין האַרציגען דאנק צו זיי.

די פריינד וואָס האָבען מיר געהאָלפען זיינען:

דזשאָזעף ס. עליקמאן, טרעזשורער פון דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן, אב. סילווער, עקזעקוטיוו סעקרעטאר פון דער אסס'י, מאקס פיינגאָלד, פּרעזידענט, ל. מ. שניידער, ווייס־פּרעזידענט, ס. וו. לעוויטיס, סעקרעטאר, סעמועל נעצקי, מאקס שאָר, דזשייק טיקאָווסקי, דזש. קאופמאן, ל. בראָד, קייטש און קאָלטשינסקי, קעסלער און בוירט. אַלע מיטגלידער פון דער אסס'ן.

סעמועל רודאָף, עקזעקוטיוו סעקרעטאר פון דער מענס קלאָדינג קאנטראַקטאָרס אסס"ן, פּיליפּ קאטץ, איזידאָר פּינקוס, סעם ברענד, מארים סירקין, מאיער אייזענבערג, דזשייקאָב מינצער, הערי וואגערמאן, און דזשייק זיגמאן, אַלע מיטגלידער פון דער אסס'ן.

די אַנדערע פריינד זיינען: סאל לעווינסאָן, דר. קאליש, איזראעל קאטץ, מאיר מאנדעלבליט, דזשיי פּאול, מרס. ראָוז גלײדער, און דייוויד אווערבאך.

די אָרגאניזאציעס וואָס האָבען געהאָלפען די צוויי אויסגאבען זיינען: די סיטי און דיסטריקט קאָמיטע פון אַרבייטער רינג, ברענטש 12 א. ר., די בעקערס יוניאָן, די ברויט סיילסמענס יוניאָן, די קלאָוק מייקערס יוניאָן, די דרעס מייקערס יוניאָן, די ניום קעריערס יוניאָן, די קארפּענטערס יוניאָן, דער אדישער שניידער לאָקאל פון די אמאלגאמייטעד.

צוליעב וואָס . . . ?

מען האָט מיך געפרעגט, צוליעב וואָס די מיה און אָנשטרענגנג ארויסצוגיבען א ביכעל אין א צייט ווען דער אידישער ביכעל מוז ארויפגע-צוואונגען ווערען אויפ'ן קויפער פון וועלכע אבציג פראָצענט זיינען ניט קיין לייענער . . . ?

מיין ענטפער איז:

מיר האָט זיך געוואָלט צוזאמענזאמלען כאָטש א טייל פון מיינע גייסטיגע זאנגען, זיי בינדען און דעם גארב אוועקשטעלען אין דעם שייער אין וועלכען עס שטעהן די גייסטיגע גארבען פון אידישע שרייבער אין אמעריקא.

אויב . . .

אויב ס'איז אֶמת
וואָס מען זאָגט,
אַז עס קומט אויף אונז
אַ שוואַרצער טאָג;
אַז אויף אַלע
שטעגן, וועגן,
געהט אונטערגאַנג
אונז אַנטקעגן,
טאָ לאָמיר שטאַרבען
מיט אזאַ געזאַנג
וואָס קלינגען זאָל
פאַר דור־דורות לאַנג.

איך בין די פעדער!

(געווידמעט די שרייבער)

איך בין די פעדער! די צונג מיט וועלכער דער שרייבער רעדט צו דער וועלט. איך בין דער קאנאל דורך וועלכען עס שטראמען דעם שרייבערס שטימונגען, זיינע געדאנקען, לידער, חלומות און וויזיעס.

איך בין דער שטאפעט, דער מבשר פון זיין מאיעסטעט דעם שרייבער, איך טראג זיינע גייסטיגע קינדער אין דער מענשען וועלט אריין. איך בין דער שופר וואס פראקלאמירט די הערליכסטע און געפעהרליכסטע סודות פון שרייבער'ס הארץ און מח.

איך בין די פעדער! איך בין מעכטיגער ווי די וואפען פון אלע קריעגס ארמעען, געפערליכער ווי די דיפלאמאטען, הויף־נארען און אינטריגאנטען, איך בין שעדליכער ווי אלע גיפטען וואס מענש האט געגען מענש ווען געברויכט.

איך בין ערנסט ווי די נביאים פון אלע צייטען, און געמיין ווי די כהנים פון גאט מאמאן, איך בין צנועה'דיג ווי יונגע דארפס טעכטער, און אומריין ווי די טעכטער פון א בארדעל. מיך וועלען געטער מיט'ן גאנצען גן עדן ניט אפקויפען, אבער פאר איין גאלדענעם גיהנום־פונק ווער איך א קנעכט צום שטן. איך בין דער פארשפרייטער פון די ליכטיגסטע געדאנקען, און א גייסטיגער גיפט־מישער.

איך בין די פעדער! איך גיס טרייסט און האפנונג אין דעם גרויען מענשליכען געמיטה, איך צינד אן אין מענשליכען מח געדאנקען־ליכטער וואס זיינען ליכטיגער ווי גאט'ס אויגען — די שטערען.

איך קאן די מענשליכע נשמה ארייןווארפען אין העכסטער התפעלות, און זיי פארטראגען אין שאול־תחתיה פון פערצווייפלונג. איך קאן טרייסטען האפנונגסלאזע מיט זיסע ליגענס, און שרעקען די שטארקסטע מיט ביטערע אמת'ן. איך בין

פול מיט צער, צאָרן, מילדקייט, געלעכטער און געוויין. איך זינג געטליכע שירים און רעווע ווי א שיכור און משוגענער.

איך בין דער וועקער פון די שלאָפנדיקע ,דער רופער צום קאמף פאר יושר און פרייהייט, איך קאָן פארשלעפערען די נשמה און דעם געוויסען מיט גייסטיגען אפיום, איך בין דער אדוואקאט פון הערשער און טיראנען, א פעלשער פון הייליגע אמת׳ן.

איך בין די פעדער! איך מאך חוזק פון דער דומהייט, פארשפּאָט די קליינליכקייט, איך פערהערליך די געמיינהייט און פערביליג די הערליכקייט. איך באזינג די דענקער, די מאר־טירער, די ערפינדער, די שאפער פון גרויסעס און נייעס, איך בין אויך דער דינער פון זייערע שונאים, א חבר פון שטן. איך באשפיי און פערשפאט די פראדוקטען פון מענשליכען גייסט און דעם געטליכען זין און אינהאלט פון די שאפער.

איך בין די פעדער! איך בין דער ריטער פון פאָרשריט און אמת, און דער געדונגענער קנעכט פון דער פינסטערניש, רעאקציע און שקר. איך בין פריי ווי דער שטורם־פויגעל, שטאָלץ ווי דער אָדלער, מעכטיגער ווי די געטער און געוועהנ־הייטען, פלאמענד ווי די זון, צארט און ליעבליך ווי א יונגע פארליעבטע מיידעל, אָבער איך בין אויך אַ שקלאף פון דער עפענטליכער מיינונג, בויגזאם ווי א שטרוי, קאלט ווי שטאָהל און הארצלאָז ווי די טיראנען.

איך בין די פעדער! איך יוטראַג, פּראקלאמיר, פאר־שפּרייט, פארטיידיג און באשיץ הייליגטימער און וואהרהייטען.

איך פעליש טשעקס, ביבער, דאקומענטען, פאקטען, דאַ־טומס און אמת׳ן. איך שרייב מיט בלוט, מיט טינט און מיט בלאָטע . . .

איך בין די פעדער ! איך בין דאָס וואָס עס איז דער שרייבער וואָס האלט מיך אין האנד.

★ ★ ★

פ י ל א ד ע ל פ י א

(אַ גזעאַנג אונזער שטאָדט)

★

פילאַדעלפיא, עלטסטע און שעהנע טאָכטער פון פאָטער פען,
יחסנ׳טע, איינע פון די דריי גראציעס פון פעטער סעם,
אַ ליד וויל איך זינגען דיר,
דאָס ליד וואָס אריינגעזונגען האָסטו מיר.
ס׳איז דאָס ליד פון דיין נעכטען, פון דיין היינט און מאָרגען.
דאָס ליד פון דיין פרומער קינדהייט וואָס איז אַלט געוואָרען...
דאָס ליד פון דיין אונטערגאַנג, דיין פאַרצעהרען,
דאָס ליד פון דיין אויפקום, פון דיין ווערען.
מאַמע־שטאָדט פון מיינע קינדער,
צו לאַנג האָסטו מיט׳ן יחוס דיינעם זיך געשפּייזט,
מיט דיין פרומקייט זיך געגרויסט,
און בעת דו האָסט דיין קאָפּ געהאַלטען אין דער שוים,
זיינען דיינע שוועסטער־שטעדט נויאָרק און שיקאַגאַ
אין דער וועלט אַרויס און געוואָרען גרויס...
נו, האָט די צייט געגעבען דיר אַ שטויס,
ביזט ענדליך פון דיין היהנער־פּלעט אַרויס.
פייערט, פלאַמט אין דיר דער וואונש צו ווערען גרויס.
האָסט גענומען ברייטען זיך, שפּרייטען זיך,
רעכטס און לינקס, טיעף און הויך,
ציהען, דרעהען זיך, רייסען זיך אין אַלע זייטען,
שטייגען צו די וואָלקען מיט׳ז רויך...
וואַקסט טיעף אין דער ערד אַריין.
פאַרפעסטיגסט דאָרט דיין זיין...

פילאַדעלפיא, היים שטאָדט פון די קוויקערס.
שטאָדט פון רויטע ציגעל־היימען, בלויע געזעצען,
שומרים, מען זאָל דיין שבת רוה ניט פאַרלעצען...
דו ביזט ניט מעהר וואָס דו ביזט געווען,
דו ביזט ניט מעהר אַזוי פרום און אַזוי קליין,
ביזט אַריינגעטראָטען אין אַ נייעם זיין...

דער גאָט פון בוי און אומרוה,
דער גאָט פון פאַבריקען־רויך, מאַשין־געבריל,
פון קויהלען־שטויב, פון האַנדעלס־רויב,
פון קויף־פאַרקויף, פון פּראַצע, פּראָפיט און פּראָצענט,
ביזט איצט אין זיינע הענד . . .

פילאַדעלפיא, מיט שמחה קוק איך אויף דיר,
דיין נאָך ניט געזונגען ליד זינגט אין מיר.
דאָס ליד פון אונטערגאַנג, פון אויפקום און פאַרגעהן,
דאָס ליד דאָס גרויסע, פון דיין נייעם זיין.
די צייט האָט דיינע רויטע ציגעל־לאָקען אָפּגעשווירען,
קוימענס הויכע זיינען פון זיי געוואָרען,
פינגער וואָס מאָהלען מיט סאַזשע־רויך,
גייסטער־בילדער, וואָלקען־הויך . . .
אַלע געזאַנגען, אַלע קלאַנגען, טראָגען זיך אין דיין ברוסט,
דער פייף פון שיף, פון פאַבריק, דער גלאָקען־קלאַנג
פון באַהנען, פייער וואָגענס, דער גאַס־געבריל,
עס טראָגט זיך אין דיין האַרץ דאָס געזאַנג
פון פיעלע כאָהרען, פון דזשעז־קאַפּעליעס,
סימפאָני אָרקעסטער, די תפילה לידער פון די נעגערס,
דאָס געזאַנג פון דזשאָנגל,
שיר השירים און קהלת . . .
ס'איז אַ כשוף־סימפאָני מיט אַ דזשעז־האַרמאָני . . .
טאַנצען אַלע טענץ דיינע פיס,
טשאַרדזש, קאָזאַצקע, פּאָלקאַ, בלעק־באָדעם, כלה־טאַנץ . . .
מאַמע פילאַדעלפיא, שטאָדט פון מיינע קינדער,
דו ביזט אַ יריד פון ראַסען,
דער זאַמעל־פּלאַץ פון פעלקער־מאַסען,
אַ קאַרניוואַל פון דער מענשהייטס זיהן און טעכטער,
קלינגט אין דיין האַרץ זייער געוויין און געלעכטער.
פילאַדעלפיא, אין דיין גרוים, ברייט האַרץ
ראַנגלען קלאַסען זיך . . .
דער איבערפלוס, די נויט . . .
די וואָס האָבען גאָר דאָס גאָלד
און די וואָס האָבען ניט קיין ברויט . . .

מאמע פילאדעלפיא! דיינע קינדער
די אייגענע און די אדאפטירטע,
די געפיהרטע און פארפיהרטע,
די באצירטע און בלאמירטע,
די ווייסע און די קאלירטע,
די ניט געשפייזטע און ניט געטרייסטע,
גרויס און קליין,
זינגען דאס ליד פון דיין נייעם זיין . . .

★ ★ ★

תמיד וועט . . .

תמיד וועט די יוגענד
ליבען, ראמאנסירען,
בויען שלעסער, פאנטאזירען,
מיט געלעכטער די וועלט פארקלינגען,
תמיד וועט די יוגענד
שיר השירים זינגען.

* * *

תמיד וועט די עלטער
פילאזאפירען, טראכטען,
חשבון הנפש מאכען,
זיפצען, קרעכצען,
וויינען, קלאגען
און קהלות זאגען . . .

פריהמאָרגען אויף דעלעווער עווענױ

אויף דעלעווער עווענױ גענעצט שוין די נאכט,
ווי די פאַרשלאָפענע שומרים, פון טייך־ברעג און פון בריק . .
ציהט די נאַכט, איהרע מידע גלידער,
ווי די היימלאָזע וואָס ווערען פון וועכטער׳ס קלאָב געוועקט . .
אויסגעלאָשען האָט זי איהרע שטערען ליכטער,
געשטאָרבען זיינען איהרע אַרבייטס שעה׳ן.
זי האָט אָפּגעטהון איהר דיענסט, זי געהט רוהען.
עס הערען זיך שוין שטאַרקע טריט, דער אָנזאָג,
אז עס קומט דער אומרוה פונ׳ם טאָג.
עס ציהט די נאכט איהר שווארצע פאָהן אַראָפּ,
עס ציהט דער יונגער טאָג זיין בלויע פאָהן ארויף—
דעלעווער עווענױ שטעהט צו דער עבודה אויף . . .

עס בלויט דער טאָג,
די נאכט, זי בלייבט,
איבער הימעל, ערד און טייך.

כאור הבוקר, שאָטענס שטעהען אויף,
געהען ארונטער פון זייערע געלעגערס,
פון די קוימנס, פון די שיפען,
פון די ווענט, פון די פאבריקען,
פון די דעכער, טורעמס און די בריקען.
היימלאָזע סקעלעטען
קריכען ארויס פון זייערע בעטען . . .
פון די פראכט־קארס, פון די פוש־קאַרטס,
פון בערגלאך אַלטע קוישען,
פון נארעס און פון גריבער קריכען די סקעלעטען,
מענשען געוועזענע, געפאַלענע קאָמעטען . . .
שווער צו שלאָפען אויף הארטע בעטען . . .
קלינגט דער זייגער: טאנג! טאנג! טאנג!
ס׳איז פריהמאָרגען׳ס תפילה־געזאנג . . .
רוה און שטילקייט ווערט פארלוירען

ווען אומרוה און געראַנגעל ווערט געבוירען.
דער טאָג האָט פול זיין וואָרט נאָך ניט געזאָגט,
און די אומרוה אויף דער עוועניו שוין זיך טראָגט.
דער טאָג געראַנגעל, דער טאָג געקלאַנג, דער טאָג געזאַנג . . .
זידען קעסלען, פייפען שיפען, סאָפּען באַהנען, מאָטאָרען
קרעכצען:
קלינגען גלעקער, טרובען טראָקס און
אויטאָמאָבילען,
פושקארט פּעדלער פון גרינוואַרג און פון פרוכטען,
לויפען, יאָגען און זיי פלוכען . . .
פול מיט שלאָף אין די אויגען און די מידקייט אין די ביינער,
מען מוז אָן זיך פאַרגעסען—
אכט מיילער ווילען עסען . . .

איבערן דעלעווער טייך ליגט אויסגעשפּרייט
מעשה בעל הבית—ברייט,
די פילאַדעלפיא־קעמדען בריק
ווי אין חלום נאָך פאַרוויגט,
א געטער־ווערק פון מענשען־הענד געוועבט,
פון מענשען גייסט באַלעבט.

אויפגעגאַנגען איז דער טאָג אויף דער בריק
און האָט ווילדען לעבען אויף איהר אָנגעשיקט . . .
פליהט און ציהט, יאָגט און טראָגט,
לויפען, יאָגען רעדער מחנות אויף דער בריק—
אהין און צוריק . . .

אויף די עוועניוס, גאַסען, געסלאַך,
גיסען זיך מענשען שטראָמען,
און פאַרשווינדען אין שטאַטס תהום'ען. . . .

* * *

אויף דעלעווער עוועניו
האָט דער טאָג צושפּיעלט זיך מיט זיין אומרוה שפּיעל,
ס'האָט דער טאָג צוזאָגט זיך נאָך זיין הו־הא ציעל . . .

מיטאָג־צייט אויף מארקעט סטריט

ס׳האָט אויסגעקלונגען
די צוועלפטע שעה,
א פייף געטהון
האָט ערגעץ וואו
געשטאָרבען איז די רוה,
ס׳האָט ווילד צופלאקערט זיך
דער מיטאָג־צייט יריד
אויף מארקעט סטריט.
דרעהען טהירען זיך
אין ווילדען קאראהאד,
מענש אריין, מענש ארויס,
שפייען טהירען
מענשען כוואליעס
אין גאס ארויס,
ווילדע שטראמען
ניט צום צוימען,
ס׳איז מיטאָג שעה.
א שעה פון ארומרוה.
א געראנגעל, א געדראנג,
מענשען לויפען,
מענשען שטויסען
ווי געטריבען
פון א צוואנג . . .
ס׳איז מיטאָג־שעה
ס׳האָט צוטאנצט זיך אומרוה
אין הארץ פון שטאָדט,
די שטאָדט פון שלאָף
און שבת-רוה . . .
„פוש און פול,“
זשום, געברום,
ווילדער דראנג,
ס׳איז דזשעז געזאנג
פון מיטאג-מענש . . .

געלאף, געיעג,
אויף יעדען וועג,
ניטאָ קיין רוה,
דאָס לעבען הענגט
אויף דער מיטאָג שעה,
מארקעט סטריט
פאַרוואַנדעלט איז
אין אַ קארניוואַל, אַ יריד.
עסקאלייטערס, עלעווייטאָרס,
פליהען, ציהען,
אראָפּ, ארויף,
יאָגען, טראָגען,
מענשען בערג
פון די באַנקען, סטאָרס,
שעפּער און פאַבריקען,
פון די „עלס," סאָבוויים, באהנען,
פליסען מענשען־כוואַליעס
און די לאָנטש־רומס,
רעסטאָראַנען.
ס'איז מיטאָג־שעה
מען האָט אַן אַלײן פארגעסען
מיילער, מאָגענס ווילען עסען . . .
אַ געפּילדער, אַ געזשום,
אַ געברייל, אַ געברום,
אַ געיעג, אַ געקלאַנג,
אַ געשטופּ און אַ געדראַנג,
פאנאגראַפען, ראַדיאָס זינגען,
בראַזשגען, קלינגען,
גלעזער, טעלער, גאָפּלען, מעסער,
פון די רייד און געלעכטער־
פון די עסער.
ווערט דאָס ברויזען
און דאָס רוישען,
שטאַרקער, העכער,
פעסטער, פעסטער,

עס גיט מעטראפאליס
אַ מיטאָג־צייט קאנצערט
מיט איהר דזשעז אָרקעסטער,
ס׳איז דער מאטינע יריד,
ס׳האָט גרויס־שטאָדט גייסט
צו זינגען זיך
מיט זיין אומרוהה ליד
אויף מארקעט סטריט.

★ ★ ★

״זיידע״ וויליאם פען

ווען נאָר איך געה
סיטי האָל פארביי,
מעהרסטענס איז דאס
שפעט ביינאכט,
איז רק מיר דאכט
אז „זיידע״ וויליאם פען
שטעהט און טראכט,
און מיר דאכט ווי ער
וואָלט געזאגט:
„ווייסטו וועגען וואס
איך טראכט?
אָט וועגען דעם
וואס איהר, חברהליט, האבען
פון מיין שטאדט געמאכט״ . . .
און איך הער און טראכט
און וויים ניט
צי „זיידע״ וויליאם פען
וויינט אָדער לאכט . . .

די פערראָסטעטע פעדער

(אַ שרייבערשער חלום)

אַ גאַנז חלומ'ט זיך האָבער, און מיר — פעדערען. פאַר־שידענע סאָרטען פעדערען חלומ'ן זיך מיר: גרויסע, קליינע, אַלטע, נייע, שטאָלענע און גאָלדענע פעדערען. גאָלדענע פע־דערען וואָס שרייבען פאַר שטאָהל, און שטאָהלענע פעדערען וואָס שרייבען פאַר גאָלד . . . יענע נאַכט איז מיר צו חלום געקומען אַ פערראָסטעטע פעדער פול מיט זשאַווער . . .

איך ליג און שלאָף, דערפיהל איך אַ שטאָך. קוק זיך ארום: אין מיין הארץ שטעקט אַן אַלטע פערזשאַווערטע פעדער.

— זי קאָן נאָך מיין בלוט פאַרסמ'ן, — טראַכט איך און וויל זי ארויסשלעפּען פון הארץ. נעהמט די פעדער רע־דען:

—ש־עק זיך ניט, איך בין ניט פון די גיפטיגע. קיינמאָל קיינעמ'ם גייסט ניט פערסמ'ט. איך בין פון די אנסקי־פעדע־רען.—ערקלעהרט זי בנעימות'דיג.

דערפיהל איך ווי מיינע בלוטען ווערען וואַרים און נעמען יוגענדליך לויפען אין מיין קערפער.

—ווי ביסטו אריין צו מיר, אז טהיר און פענסטער זיי־נען פערשלאָסען? — פרעג איך.

—דאָס איז די קונסט פון אַ קינסטלערישער פעדער, דורך פערשלאָסענע טיר און פענסטער אין די הערצער פון די מענשען אריינצודרינגען,—ענטפערט זי שטיל.

—אָבער זעה, ווי דו קוקסט אויס.—זאָג איך מיט מיט־לייד.

—האָב קיין פאַראיבעל ניט אויף מיר. אזש פון יענער זייט ים צו דיר געוואַנדערט, און דאָס וואַנדערן איצט איז פול מיט

מסירת נפש, א גהינום . . . זינט איך האָב מיין מייסטער פער־לוירען, וואנדער איך אום פונקט ווי זיין פאָלק און קאָן זיך קיין מקום־מנוחה ניט געפינען, — ערקלעהרט די פעדער מיט א זיפץ און רעדט ווייטער.

—איך בין די צונג פון מיין מייסטער געווען, דורך מיר האָט ער צו דער מענשהייט גערעדט. איך בין זיין פענזעל געווען, מיט מיר האָט ער וואונדערבארע לאנדשאפטען און לעבענס בילדער געמאָהלען. איך בין זיין דלאָט געווען, מיט מיר האָט ער זעלטענע פיגורען און טיפען פון ווערטער אויס־געהאקט. דורך מיר האָט ער געלאכט, געוויינט, געשפאַסט, געוועקט, גערופען, געבעטען, בטחון, גלויבען און בעגייסטע־רונג אין זיין פאָלק'ס נשמה געגאָסען, צום לעבען און קאמף גערופען און טייערע קולטור־אוצרות פאר דעם פאָלק געשאפען.

—וואו איז דיין מייסטער איצט ?

—ער האָט תמיד פון פאָלק געטראכט און דאָס פאָלק האָט איהם פארגעסען.—דערצעהלט די פעדער.—איין טאָג האָב איך דערפיהלט, ווי מיין מייסטער'ס האנד ציטערט. זי איז קראַפטלאָז געוואָרען, און איך בין פון איהר ארויסגעפאלען. פון דאַן אָן האָט מיין מייסטער מיך מעהר אין זיין האנד ניט אריינגענומען . . . אויף אייביג האָבען מיר זיך געשיידט, און אייביג וועלען מיר שוין ביידע שווייגען . . .

די אלטע, פערזשאווערטע פעדער האָט זיך מיט א זיפץ א ריס געטהון פון מיין הארץ און זי איז פארשוואונדען.

★ ★ ★

שיקזאל...

שיקזאל, האָסט מיך אוועקגעשטעלט
ביים רייכען טיש פון לעבען,
נאָר צו געניסען
האָסטו מיר ניט געגעבען . . .

שמע ישראל

פון אדא מענקין

(פריי נאָך ענגלישען)

שמע ישראל! הער מיין פאָלק, און פארנעם מיינע רייד!
אין ברען פון דורשט, און דראַנג נאָך גליק און ליבע,
האָב איך זיך אָפגעשיידט פון דיר, מיין פאָלק,
איך האָב מיין פארבען רייך געצעלט
אין לאַנד פון מצרים אויפגעשטעלט,
אין זייער רויט־זיידענעם געוואַנט
מיין יונגען גוף געהילט,
דאָס בלוע כשוף־ליכט פון די סאפירען
וואָס האָבען אין מיינע נאכט שווארצע האָר געשטעקט
האָבען מיך פאר זיי ענטפלעקט . . .
געצירט אין זילבערנע סאנדאַלען.
האָבען מיינע יונגע פיס איבער זייער טעמפעל טעפיכער
געשפאַנט,
איך האָב געדרעמעלט דורך די טעג,
געשלאָפען דורך דעם וועלט גערויש, און געראַנגעל,
איך האָב ניט געוואכט און ניט געטראַכט,
איצט האָב איך ערוואַכט.

צו דיר מיין פאָלק איז איצט געווענדט מיין בליק,
צו דיין געצעלט קעהר איך איצט צוריק!

אדאה מענקין, וועמענס מיידלישער נאָמען איז געווען אדאליוד מקאָרד, איז געבוירען געוואָרען ביי קריסטליכע עלטערן דעם 15טען יוני, 1835, ניט ווייט פון ניו אָרלינס. אזוי ווי זי האָט אַלס קינד נאָך אַרויסגעוויזען גרויסע פעהיגקייטען אין טאַנצען, האָט דער פאָטער זי אַוועקגעגעבען אין אַ טאַנץ-שולע. זי האָט אָבער אויך געהאַט גרויסען דראַמאַטישען און פאָעטישען טאַלאַנט און זי איז געוואָרען איינע פון די גרעסטע דראמאטיסטינס פון אמעריקא, און איינע פון די אנגעזעהענסטע לירישע פאָעטעסעם פון יענער צייט. אין יענער צייט האָבען די אַנטיסעמיטען אויך אָנגעפיהרט אַ זעהר גיפטי־גע אַגיטאַציע געגען אידען. אדא מענקין איז אַרויסגעטראָטען מיט איהר שאַרפער פעדער און האָט זיי שטום געמאַכט. לאָרד ראָטשילד האָט איהר געשיקט אַ האַרציגען דאַנק בריעף. אין 1856 האָט זי געהייראַט אַ אידישען מוזיקער, אַלעקסאַנדער אייזיק מענקיין. זי האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען און איז געבליבען טריי דעם גלויבען ביז אין איהר טויט.

ווי דאָס האַרץ וואָס בענקט נאָך אַ וואַסער־קוואַל
אין דער מדבר,
ווען דער גוף פון דורשט ווערט פאַרצעהרט,
אַזוי בענקט מיין האַרץ נאָך יעקב׳ס הויז.
פאַלען חרטה טרערען פון מיינע אויגען,
ברענט מיין גוף און גייסט מיט וועהען גרויסע,
צופאַלט דאָס רויט־זיידענע געוואַנט וואָס האָט באַצירט מיין לייב
אין די פינסטערע געצעלטען פון׳ם שונא . . .
באָרוועס, מיט אַ בלויזען קאָפּ
ציה איך איבער דעם הייסען מדבר־זאַמד
צוריק צו דיר, מיין פאָלק ישראל !
איך האָב מיט איש מיין לייב באַדעקט,
מיט אליוו בלעטער דעם בוזעם מיינעם האָב איך באַצירט
איך האָב גע׳טובל׳ט זיך אין ים,
די כוואַליעס זיינען איבער מיין לייב אריבער,
זיי האָבן געהייליגט און געקרעפטיגט מיך,
דעם כח געגן די שונאים מיר געגעבען . . .

לאַנג געבלאָנדזשעט האָט מיין נשמה אין פרעמדע פעלדער,
אין זינד געוואַלגערט זיך, און האָט דאָס ניט געוואוסט,
איצט קומט זי צוריק אַ געלייטערטע, אַ געהייליגטע.
די איבערטרעטונגען וואָס מיין נשמה האָט געמאַכט,
זיינען ווי וואָלקען פאַר דער זון אוועק . . .
בלעם׳ס קללה — אַ ברכה איז געוואָרען . . .
אַ דאַנק דיר, גאָט פון ישראל,
וואָס די טירען פון יעקב׳ס הויז זיינען ניט פאַרמאַכט פאַר מיר.

שמע ישראל ! הער מיין פאָלק, שטעה אויף, וואַך אויף !
איך, וואָס בין דעם ברענענדיקן קאַלעך אויווען זיבען מאָל
דורכגעגאַנגען און ארויס אַ געלייטערטע,
וועל באַפרייען דיך פון דיין קנעכטשאַפט, פון דיין שאַנד
און פיהרען דיך צוריק אין דיין לאַנד.

ברידער מיינע. די וויס—בלויע פאָהן פאַנאַנדערוויקעלט
איבער ים פון האַס און צאָרן,

געגען שונא הויב דיין פייער־שווער, ישראל,
זעה די פלאמען פון די וואך־פייערן
וואָס ברענען אלץ נאָך אויף די פעסטונגס־ווענט
פון אונזער ירושלים,
קלאפט מיין הארץ, צאפעלט זיך פון שמחה,
ציטערט, הויבט זיך און פאלט צוזאמען מיט די פלאמען
וואָס באַלייכטען דעם וועג צו דיין באפרייאונג.

איך וועל די דאָרן־קרוין פון דיין קאָפּ ארונטערנעהמען,
אויף מיין הארץ וועל איך די קייטען דיינע ברעכען.
קום צו מיר, מיין פאָלק ישראל,
צו מיר, וואָס האָט א וועלט פון גענוס און רוהם פארלאָזען,
צו פיהרען דיך, גאָט'ס געוועהלט פאָלק,
אויף די פאשע פעלדער פון פרייהייט, גליק און לעבען,
שרעקט זיך נימ, מיין פאָלק, פאר מיר!
דאָס בלוט וואָס באוועגט מיין הארץ לויפט בלויז פאר דיר,
פאַר דיר אַליין, מיין איינזאם פאָלק!

צוריק, טיראנען מיט אייערע בלוט באפלעקטע הענט!
אין אייערע גאָטלאָזע געצעלטען טרעט צוריק,
פארדעקט אייערע שטערענס, דער קין צייכען שרייט ארונטער...
א לעבען פאר א לעבען, בלוט פאר בלוט,
דאָס איז דאָס געזעץ, וואָס איהר האָט אָנגעזאָגט . . .
מיר, די קינדער פון ישראל, וועלען מעהר נימ געהן אין די קברים
וואָס איהר אין אייער צאָרן האָט פאַר אונז געגרייט . . .
ישראל, וואַך אויף פון דיין יאָהר־טויזענד לאנגען שלאָף,
דאָס פארשפראָכענע מאָרגען־ליכט קומט אָן,
דער גאָט פון אונזער פאָלק רופט צו אונז:
שטעהט אויף! שטעהט אויף!

הערט איהר, כהנים, פראָפעטען, מענער פון יהודה, זינגער פון
ירושלים,
מיין קול פארנעהמט, איך רעד צו מיין פאָלק ישראל!
טראָגט איהר נאָך אַלץ דעם קנעכטשאַפט צייכען?

זעהט איהר דען ניט די וואך־פייערן אויף די פעסטונגס טויערען ?
מוט, מוט, געטראָטענע הערצער !
זעהט איהר אָט די בלאַסע האַנט און שוואכע אָרים,
זיי האָבען געבראָכען די קייטען, אין וועלכע די פלשתים האָבען
זיי געבונדען,
גאָט פון ישראל האָט זיין חתימה אויף מיין ברוסט אָפּגעדרוקט,
ער האָט אַ ליכט אַ גרויסע אין מיין גייסט געצונדען,
לעפצט מיין נשמה פאַר דיין פרייהייט, מיין פאָלק ישראל ;
עס פלאַטערט מיין געליטערטע נשמה
איבער די שחיטה־מעסערס וואָס האָבען דאָס בלוט פון גאָט'ס
פאָלק געטרונקען.

שרייט מיין נשמה, די געהייליגטע,
שטעהט אויף הערצער בראווע ! שטעהט אויף !
ציהט אויף די פרייהייטס־פאָהנען
די יובעל פייערן ווערען גרעסער . . .
דער גאָט פון די מחנות איז אין פעלד!
דער גאָט פון יעקב איז מיט אונז !

* * *

נשמות צו פאַרקויפען

פון **אדא מענקין**

(פריי נאָך'ן ענגלישען)

נשמות צו פאַרקויפען! נשמות צו פאַרקויפען!
נשמות פאַר גאָלד, ווער וויל קויפען!
דורך דער מענש־געפאַקטער שטאָדט,
דורך דעם ווילדען דרעהען זיך פון לעבענס־ראָד,
דורך דעם בומאַן פון פריהמאָרגען,
דורך דער גרויקייט פון אָווענט,
דורך דעם געראַנגעל און געדראַנג,
דורך דעם קאַמף און דראַנג פאַר ברויט און ליבע,
טראָגט זיך דער געשריי:
נשמות צו פאַרקויפען! נשמות צו פאַרקויפען!

ניטאָ קיין אָפּשטעל און קיין רוה,
דער אויספאַרקויף גערט אָן . . .
נשמות פאַר גאָלד צו קויפען! נשמות ווער וויל קויפען!
מישען זיך קולות, קללות מיט׳ן קלאַנג פון גאָלד,
קומען עכאָס לאַנג פאַרקלונגענע און יאָהרען טויטע,
און תפילות ניט דערהערטע, און טרעהרען אומזיסט געוויינטע,
ברענגען זיי זכרונות שניידענדע און הייליגע,
ברענגען זיי די צער׳ן, די צאָרנס און די זינד
פון דער מענש-געפאַקטער שטאָדט,
וואו דער האנדעל מיט נשמות ווערט ניט אָפּגעשטעלט . . .
האָט דער קויף און פאַרקויף געשריי דערטראָגען זיך
צו די פעלזען וואו מיין העלד׳ס געצעלט איז אויפגעשטעלט,
וואו ער און איך געלעגען זיינען אין ליבעס-טרוים פון גאָט
פאַרווינט . . .
ס׳האָט דער געשריי נשמות צו פאַרקויפען
אויפגעוועקט צער און צאָרן אין זיין קריגער-ברוסט,
ער האָט אין פאַנצער זיך געקליידט, די שפּיז אין האַנט גענומען,
ער איז אין דער שטאָדט אוועק . . .
וואו מענשען קעמפען פאַר ברויט, כבוד, מאַכט,
און נשמות ווערען פאַרקויפט פאַר גאָלד . . .
איך האָב געוואַנדערט מיט מיין קריגער
אין דער שטאָדט צו שיצען איהם
און היילען זיינע וואונדען ווען פיילען וועלען טרעפען איהם...
לאַנג געוואַנדערט האָבען מיר איבער ים און יבשה,
ביז געגרייכט האָבען מיר די פייערען פון דער שטאָדט.
מאַרמאָר טויערען, געזאַנג, געלעכטער און געוויין,
קולות, קללות, בלומען, הונגער, געזאַנג און וויין . . .
עס האָבען די באַטראָגענע, די פאַרשאָלטענע, די פאַרדאַמטע,
די אונטערגעהענדע,
אריינגעשריען אין דער שטאָדט וואו נשמות ווערען פאַרקויפט
פאַר גאָלד . . .
ס׳האָט אַ גייסט אַ פינסטערער זיינע פליגעל אויסגעשפּרייט
איבער די געפאַלענע, די פאַרגעסענע, די פאַרלוירענע,
איבער די נשמות די געקויפטע, די נשמות די פאַרקויפטע . . .

נאָך טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון מיין קריגערס בויגען
אָבער זיין פייל ליגט צובראָכען, צובראָכען פון דעם פאַל.
אַ, יונגע פרייהייטס־ריטער, זון־באַשיצער,
לייב און לעבען שטעלט אין קאָן,
נעהמט די בויגענס, שיסט די פיילען
אריין אין סדום,
וואו דער פארקויף
פון נשמות געהט אַלץ אָן . . .

★ ★ ★

איך בין יהודית

פון **אדא מענקין**

(פריי נאָך'ן ענגלישען)

די פינסטערניש האָט מיך פארשלעפערט
אין אַ טויט שלאָף בין איך געשלאָפען,
ניט געזעהן און ניט געהערט ווען די פלשתים
האָבען זייערע קריגס-געצעלטען אין טהאָל אויפגעשטעלט . . .
האָט אַ מלאך מיך געוועקט,
מיט אַ שווערד פון פלאַמען אין דער האנט געלעגט . . .
מיינע אויגען צו די בלוט־געפלעקטע וואָלקען געווענדט,
ער האָט מיט זיין געטער אָטהעם מיך געזאַלבט,
און איצט שטעה איך, אַ נביא אויפ'ן בארג, און קוק אין
אין טהאָל אַרונטער.
דאָס בין איך, די געזאלבטע, געזאַלבטע!
איך זעה און זאָג פאָראויס דאָס אָנקומען פון אַ גרויסען מאָרגען,
און ער וועט געטער כח מיין וואַרטענדער נשמה ברענגען!
כח די דונערען פרייצולאָזען!
כח די קברים צו באַלעבען:
די קברים פון די לעבעדיגע,
די קברים פון די שטאַרבענדע,
די קברים פון די זינגער,
די קברים פון די ליבענדע,

די קברים פון די פאַרצווייפעלטע,
די קברים פון די באַטראָגענע,
און די קברים פון די פאַרלאָזטע!
זייערע קולות וועלען פרייגעלאָזען ווערען!
די קברים וועלען רעדען!

* * *

צוריק טרעט, פלישתים!
צוריק אין אייערע פאַרברעכער געצעלטען!
די שווערד איז פון שייד געצויגען! . . .
אייערע מיט צירונג באַדעקטע קעפּ,
אייערע גייציגע אויגען און שלאַנגען צינגער
וועל איך מיט'ן שטויב פון פעלזען מישען . . .
ווען איך וועל דעם מלאך די שווערד צוריקגעבען,
וועט אייער אומריין בלוט אויף איהר שאַרף ניט זיין!
דאָס ליכט פון אמת וועט אַרונטערלייכטען!
דאַן וועט מיין שטאַרקער אָרעם אין שלום רוהען!

* * *

צוריק טרעט, פלשתים!
זעהט וואָס עס איז אויף מיין שטערען געשריבען!
איך בין יהודית!
איך וואַרט אויף האליפערנוסעס קאָפּ . . .

★ ★ ★

דער קלאַג פון די בלעטער

פריהלינג באַזינגען אונז
די פּאָעטען,
און די ווינטען לאַשטשען אונז
און גלעטען,
אין האַרבסט באַוויינען אונז
די ווינטען,
און עס טרעטען אויף אונז
די פּאָעטען.

דער מענש מיט טויזענד פנים׳ער

לאָן טשייני !
מענש פון טויזענד פנים׳ער,
מענש פון טויזענד נשמות,
מורא׳דיגע, גרויזאַם, רחמנות׳דיגע,
פונקט ווי דיינע פנים׳ער.

* * *

לאָן טשייני !
שעקספּיר פון דער מימיק קונסט,
דאָסטאָיעווסקי פון׳ם פילם,
מופטי פון די אונטערוועלטען
פון דער וועלט.

* * *

לאָן טשייני !
קעניג פון די גענגסטער,
בעל הבית און קנעכט
פון ווייסע־שקלאַפען הענדלער,
אָפּיום־רויכער, האשיש־עסער,
הענד פאַרלוירענער,
פיס פאַרלוירענער,
גאָט פאַרלוירענער,
גאָט פאַרשאָלטענער,
פון אשמדאי געבענשטער,
מיט זינד באַלעסטיגטער,
פון וליק פאַרועסענער
יסורים־ליידער.

* * *

לאָן טשייני !
פּיהרער פון קאַראַוואַנען פּיעלע
מיט פאַרנאַרטע יונגע מאַמעס טעכטער,
שמייסטו מיט דיין בייטש
זייערע פרישע, טוגענד לייבער

און טרייבסט זיי אין שאול התחתון
פון קראנקע זינד.

* * *

לאן טשייני !
קריפעל׳דיגער גלאקען-קלינגער,
חיה־מענש, דו שד,
וואס גיסט קעסלען הייסע סמאלע
אויף דיין אייגען בלוט און פלייש,
און עס טאנצט דיין הארב און הארץ פון גליק . . .

* * *

לאן טשייני !
ריטער פון גייסטיגע און פיזישע יסורים,
באשפיגענער, פאראכטעטער, געטריבענער,
שונא פון גאט און מענש.
אלע קרעכצען, וועהען, פארברעסענס,
אלע קראנקע זינד און בייזע לידענשאפטען,
האבען זייער היים אין דיין הארץ געבויט,
און איצט ? !

* * *

לאן טשייני, ביזט אויסגעלייזט ! . . .
דער אלמעכטיגער, דער גערעכטער,
דער שלום, רוה און רפואה ברענגער,
דער לעבענס-לעשער, דער אייביגער,
דער, פאר וועמען עס ווערט
דער לעצטער אקט געשפיעלט,
דער לעצטער טאנץ געטאנצט,
ער האט מיט זיין פליגעל
איבער דיר א פאך געטהון
און נאך א פנים דיר געגעבען—

* * *

לאן טשייני!
ווען עס וועט שוין לאנג
קיין זכר פון דיין גוף ניט זיין,
וועלען דיינע טויזענד פנים׳ער,
די טויזענד נשמות דיינע,

די קאַליקעס, די פאַרברעכער העלדען,
די האַרבאַטשעס און גלאָקען-קלינגער,
די ווייסע שקלאַפען הענדלער,
די אָפּיום רויכער און האַשיש-עסער,
די קינדער פון דיין קונסט,
זיי וועלען לאַנג בלייבען נאָך מיט אונז,
און ניט לאָזען דיך פאַרגעסען.

* * *

לאָן טשייני!
דאָס לעבען האָט איין פּנים דיר געגעבען,
די קונסט האָט טויזענד פּנים'ער דיר צוגעזעצט,
איצט האָט דער טויט,
אויך אַ פּנים דיר געגעבען,
דאָס לעצטע פּנים, לאָן טשייני! ...

★ ★ ★

איך זינג פאר דעם פארגעסענעם מענש

א צייט־געזאנג וואָס איז גוט פאַר אַלע צייטען

איך זינג פאַר דעם פאַרגעסענעם מענש,
פאַרן גאָט־פאַרגעסענעם מענש,
פאַר דעם מענש וואָס האָט אַליין זיך פאַרגעסען ...
פאַר דעם מענש וואָס איז קיינמאָל ניט באַזונגען געוואָרען,
פאַר'ן מענש, וועמען דאָס לעבען האָט קיין חלק אין לעבען
ניט געגעבען.
איך זינג פאַר דעם מענש וואָס איז פון לעבענס לאַסט געבויגען,
פאַר דעם מענש מיט אויסגעוויינטע אויגען,
פאַר דעם מענש וואָס לאָזט זיך שערען,
פאַר דעם מענש וואָס קאָן קיין מענש ניט ווערען ...
איך זינג פאַר דעם מענש וואָס ווערט פון יסורים פאַרצעהרט,
פאַר דעם מענש וואָס ווערט קיינמאָל ניט געהערט.
איך זינג פאַר'ן מענש דעם גענאַרטען,

דעם מענש דעם באַ׳צער׳טען,
דעם מענש דעם באַדריקטען,
דעם מענש דעם דערשטיקטען,
איך זינג פאַר דעם מענש וואָס איז אין עלענד געבוירען,
פאַר דעם מענש וואָס האָט זיינע געטער פארלוירען,
פאַר דעם מענש דעם צובראָכענעם,
פאַר דעם מענש דעם צוטראָטענעם,
דעם מענש דעם גערואניעטען,
דעם מענש דעם פארוויאנעטען,
פאַר דעם מענש פון קומער,
פון אייביגען יאָמער.
איך זינג פאַר דעם מענש פון די „סלאָמס,"
און פאַר דעם מענש פון די „דאָמפּס" . . .
פאַר דעם מענש דעם פארשטויסענעם,
פאַר דעם מענש דעם פארטריבענעם,
פאַר דעם מענש דעם צוריבענעם.
איך זינג פאַר די ענטווישטע און בארוישטע—
פאַר די געקויפטע און באַזויפטע . . .
איך זינג פאַר די טויטע נשמות
די אומבאוואוסטע סאָלדאטען פון די לעבענס־מלחמות.
איך זינג פאַר די וואָס זינגען מיט געוויין,
פאַר די וואָס שטעהען אין „ליין."
פאַר די וואָס אין לעבען איז קיין זאַך ניט פאַראַן.
איך זינג פאַר די איינזאַמע,
פאַר די ניט פארשטאַנענע,
פאַר די פארלאַכטע,
פאַר די חוזק־געמאַכטע,
איך זינג פאַר די בלאָנדזשענדע און זוכענדע,
איך זינג פאַר דעם מענש וועמען דאָס לעבען האָט דערעסען,
איך זינג פאַר דעם מענש אָן וועמען דאָס לעבען האָט פארגעסן...

דאָס געזאַנג פון די זאַנגען

(אונזערע פּאַרמער געווידמעט)

הענט פון אַרבייט געקרעפּטיגטע, פון אַרבייט געשוואַכטע,
יונגע און אַלטע הענט וואָס האָבען אַ בונד אַ הייליגען
מיט דער ערד, אַקער־אײַזען און מיט דער קאַסע געשלאָסען,
האָבען אונזערע זאָמען אין האַרץ פון מוטער ערד געלייגט,
האָט די גאָטהייט פון שמחה געלאַכט,
און האָט דעם ערד־מענשען׳ס אַרבייט געבענשט.
זיינען וואָלקען געקומען און האָבען דער ערד׳ס דורשט
געשטילט,
און די זון שטראַהלען האָבען די ערד באַפרוכפּערט און געזעטיגט,
כדי זאַטקייט און שמחה זאָל ביי די מענשען זיין . . .
און מיר זיינען מיט תפילה און געזאַנג אויף דער וועלט אַרויס.
און מיר האָבען דאָס שוואַרצע נאַקעטע לייב פון דער ערד
מיט זאַנגען גאָלדענע באַדעקט,
און פעט זיינען אונזערע קערנער געוואָרען,
און מיר האָבען אונזערע קעפּ פאַר דער זון און די שטערען
געבויגען,
און די וואָס האָבען אונז מיט טרעהרען געזייט,
האָבען אונז מיט שמחה און געזאַנג געשניטען.
זיינען ספּעקולאַנטען געקומען, האָבען די מאַרקעטס געקאָרנערט...
האָבען קינדער געהונגערט, זיינען זיי פריהצייטיג פון גאָטס
וועלט אַוועק,
האָט מען זייערע קערפּערלעך אין שוים פון מוטער ערד געלייגט,
איז די ערד נאָך פעטער געוואָרען,
האָבען מיר, די זאַנגען, נייעם כח געקראָגען, נאָך קרעפטיגער
צו וואַקסען . . .

מענש און נאטור

שטימונגען און געדאנקען

דער מענש איז ווי די נאטור, די נאטור איז ווי דער מענש, פרידליך און קריגעריש, ליבליך און העסליך, גוטמוטיג און רציחה'דיג. בויגענדיג און פארניכטענדיג, געמיטליך און אויפ־ברויזענד ביז זעלבסט־פארניכטונג . . .

דער מענש האט מלחמות, רעוואלוציעס, פאגראמען, לינטשונ־גען, בלוטיגען געראנגעל, די נאטור האט שטורעמס אורא־גאנען, טארנאדאס, איבערשוועמונגען, ערד־ציטערנישען, טרו־קענישען, מגפות, פעסטען פון אלע סארטען.

די מענשען־וועלט איז אן ארענא פון אייביגען געפעכט, פון שטערענדיגען קאמף צווישען מענש און מענש און אזוי אויך איז דער נאטור . . .

ווילדע פארצעהרענדע מענשליכע ליידענשאפטען, ברויזענדע און פארניכטענדע נאטור כוחות . . .

*

דער מענש איז ווי די צייט. די צייט קריכט, שלעפט זיך, געהט, לויפט און פליהט. דער מענש איז אויך אזוי . . . דער מענש איז אין צוטהיילונג פארליבט . . . דערפאר האט ער זיך און די צייט אויף ברעקלאך צוטהיילט . . . די צייט האט ער צוטיילט אויף רגעס, מינוטען, שעה'ן, טעג, וואכען, מאנאטען און יאהרען. זיך אליין האט ער נאך מעהר צוברע־קעלט. איז פון דעם מענש נאר נט געבליבען . . .

ניטא קיין מענשען . . . עס זיינען פאראן ליטוואקעס, גאלי־ציאנער, רומענער, אריער און סעמיטען. לינקע און רעכטע, רעאקציאנערען און רעוואלוציאנערען. ארבייטער און ארבייטס־געבער, מאנארכיסטען און רעפובליקאנער, פאשיסטען, נאצים, באלשעוויקעס, קריסטען, אידען, מאכמעדאנער, קאטאליקען, פראטעסטאנטען, רעפארמער, ארטאדאקסען, אבער ניט קיין מענשען . . .

אין פעלקער, נאציאָנען, ראַסען, קלאַסען, גרופּען, פּאַר־
טייען, סעקטען, און קליקעס האָט דער מענש זיך צוטיילט. און
די ערד, אַלעמענס ערד, האָט דער מענש אויך צוברעקעלט
און צוטיילט . . . די ערד איז אויף לענדער און לאַטס צו-
שניטען געוואָרען, אויף טעריטאָריעס, גובערניעס, דיסטריקטען,
קאַונטיס, האָט ער צוטיילט מוטער ערד און זי אַרומגעצוימט
מיט גרענעצען . . .

זיינען פּאַספּאָרטען, מיט וויזעס, מיט געבורטס־שיינען גע־
שאַפען געוואָרען, וואָס דערצעהלען ניט די מענשליכקייט פון
מענש נאָר זיין אָפּשטאַם, אונטער וועלכער פאָהן ער איז גע־
בוירען געוואָרען, אויף וועלכען שטיק ערד זיין וויגעלע איז
געשטאַנען, זיי דערצעהלען פון זיין אויסערליכען אויסזעהן, זיין
ראַסע, רעליגיע, פּאַרטיי, קלאַס, האַנדווערק אָדער האַנדעל . . .
יעדער ניט יחוס׳דיגער יחוס איז אין די פּאַפּירען פאַרשריבען
נאָר ניט דער יחוס מענש . . .

וואו האָט דער אדם די צוטיילונג געלערענט?

* * *

דער מענש האָט געצווייפעלט, געגלויבט, געהאָפט, געבע־
טען, געפאָדערט, געבויגען זיך פאַר געטער, מלכים און טייוואַ־
לים, געבויט מזבחות, מיט תליות און קערקערס, מקריב געווען
זיך פאַר זיין פאַנטאַזיע־געשאַפענע הייליגטהימער. ער האָט
געקעמפט מיט דער נאַטור און די נאַטור מיט איהם. ערד־
ציטערנישען, שטורמס און פערפלייצונגען האָבען פערוויסטעט
פעלקער און לענדער. הונגער, מגפות און קראַנקהייטען האָבען
שיער די מענשהייט ניט פאַרצעהרט. מלחמות און רעוואָלו־
ציאָנען האָבען פאַרניכטעט די קרעפטיגסטע און עדעלסטען קינ־
דער פון דער מענשהייט, אָבער דאָס לעבען האָט זיך ניט אָפּגע-
שטעלט. אין קאַמף מיט׳ן טויט און פאַרניכטונג וועט דאָס
לעבען שטענדיג גובר זיין.

יעדער דור לאָזט איבער אַ רייכערע, גייסטיגע און מאַטע־
ריעלע ירושה פאַר די קומענדע דורות, מעהר וויסען און קלאָהר־
קייט ווי צו פיהרען דעם קאַמף פאַר׳ן לעבען. פון יעדען טעות

לערנט דער מענש א נייעם אמת, פון יעדען חסרון א נייע טוגענד, פון דעם כאאס פון דער פערגאנגענהייט וועבט די געגענווארט, פארנינפטיקע לעבענס־פארמען פאר דער צוקונפט.

קאלאסאל־גרויס זיינען נאך די מענשליכע קרבנות, דאס לעבען איז נאך א שפיעלצייג ביי די צעווילדעטע אפעטיטען פון די הערשער. פערניכטונג פון לעבען איז נאך היינט א הויכער געזעץ, אבער עס איז דער לעצטער גרויסער קאמף, וואס דער מענש פיהרט פאר'ן לעבען מיט צושטערענדע סאציאלע כחות.

ווי זינגט איינער פון די דייטשע פאעטען:
„דו ריעזעהאפטער מענש, וועלט־בעצווינגער,
פון ים צו ים מארשירט דיין זיגעס-צוג;
אלע סודות ריהרען דיינע פינגער,
צו די שטערען דיין וויסענס־דורשט זיך טראגט.
חלומות פיעלע האסטו צו ווירקליכקייט געמאכט,
פיעל הערליך שעהנעס דער וועלט געבראכט—
וואונדער גרויסע האלטען אין ענטשטעהען,
וואונדער גרויסע וועלען נאך געשעהן!

* * *

א בקשה צום לעבען

לעבען, קאנסט נעהמען דיר
אלץ וואס דו האסט געגעבען מיר,
מיין לעצטען סענט,
די ליידיגע פיער ווענט,
קאנסט אויך פיעל
מיך ניט בארויבען,
אבער איין זאך בעט איך
לאז פאר מיר—
מיין גלויבען.

מיר זיינען פון שטאָל און פון שטיין

דאָס געזאנג פון הימעל-קראַצער

מיר זיינען די קינדער
פון שטאָל און פון שטיין,
דער כח פון געטער־
אין אונזער געביין;
ניטאָ איז קיין זין
אין אונזער זיין—
מיר זיינען פון שטאָל
און פון שטיין.

מיר זיינען די קינדער
פון שטאָל און פון שטיין,
פון ליבע און האס
זיינען מיר ריין;
מיר זיינען פון שטאָל
און פון שטיין.

מיר זיינען די קינדער
פון שטאָל און פון שטיין,
אין אונז שטראָמען די מענשען
אַרויס און אַריין,
דאָך בלייבען מיר תמיד
איינזאַם, אַליין;
מיר זיינען פון שטאָל
און פון שטיין.

מיר זיינען די קינדער
פון שטאָל און פון שטיין,
ביי אונז איז ניטאָ
קיין גרויס און קיין קליין;
פרעמד איז אונז דער
מיין און דער דיין;

מיר זיינען פון שטאָל
און פון שטיין.

מיר זיינען די קינדער
פון שטאָל און פון שטיין,
אין אונז שפּילט דער מענש זיך
טאָג אויס און טאָג איין;
פרעמד איז אונז
דער זין פון דעם זיין;
מיר זיינען פון שטאָל
און פון שטיין.

מיר זיינען די קינדער
פון שטאָל און פון שטיין,
מיר זיינען ניט עהרליך
און אויך ניט געמיין,
פרעמד איז אונז ליבע,
גאָלד, ווייבער און וויין,
מיר זיינען פון שטאָל
און פון שטיין.

מיר זיינען די קינדער
פון שטאָל און פון שטיין,
פרעמד איז אונז
דער יאָ און דער ניין,
פרעמד איז אונז פרייד,
פרעמד איז אונז פּיין
מיר זיינען די קינדער
פון שטאָל און פון שטיין,
מיר קאָנען קיין מענשען ניט זיין . . .

★ ★ ★

דער נביא אין תּפֿיסה

(געווידמעט יודזשין וויקטאָר דעבס)

פֿון קאַלטען גרויען שטיין
האָט מען אַ תּפֿיסה אויסגעבויט
אַרום דעם נביא׳ס האַרץ;
פֿון דיקע אייזען־שטאַנגען
גראַטעס אויסגעוועבט
אַרום זיין ליכטיק אויג
שומרים שטאַרקע אויסגעשטעלט
אַרום זיין תּפֿיסה,
צו היטען, אַז דאָס ליכט און פֿייער
פֿון זיין גלוטיג האַרץ
זאָל נישט דערגרייכען די פֿאַרשקלאַפּטע וועלט.
עס אי זדעם שונא׳ס מיין געווען,
מיט זשאַווער־אייזענס און מיט קאַלטען שטיין
לעשען דאָס ליכט און פֿייער פֿונ׳ם נביא׳ס זיין,
דאָך רייסט זיך דעם נביא׳ס ליכט
דורך די גרויע שטיינער־ווענט
און צינדט מיט זיין פֿייער אָן
די זשאַווער־שטאַנגען פֿון זיין שטייג.
פֿלאַמען פֿאַקלען אין דער נאַכט
און זאָגען אַלע קעמפֿפֿער אָן
דעם געבורט פֿון נייעם מאָרגען.
פֿעהלט גלויבען אייך, מיעדע קעמפֿפֿער,
געהט צום נביא אין תּפֿיסה אַוועק,
גרייפֿט זיין ביינער־האַנט,
לאַווא־היים וועט ווערען אייער האַרץ,
פֿול מיט גלויבען און געזאַנג
וועט ווערען אייער זעעל
פֿון נביא׳ס שמייכעל,
וואָס גאָט אַליין האָט
אויף זיינע ליפּען אָפּגעקושט.

נצחון און בטחון

ענגלאנדס „ווייסע פאפיר" געווידמעט

ישראל, איוב־פאָלק,
דו, וואָס ביזט געברענט געוואָרען
אין יעדען בראנד,
דו, וואָס ביזט געשענדט געוואָרען
מיט יעדער שאנד,
וואָס ביזט געדריקט געוואָרען
צו יעדער וואַנט,
וואָס געפייניגט ביזט געוואָרען
פון יעדער האנד,
אין אַלע צייטען, אין יעדען לאַנד.
ווידער האָט אויף דיר
ארויפגעלייגט זיך שיקזאל׳ס האנד . . .
הער, ישראל! דיין מזל־שטערן,
דער אונבאקאנטער,
דער אייביגער באגלייטער
פון מענשען, פעלקער, ראסען, מאסען,
דער וואָס האָט מיט בטחון גרויסען
דיך באַזעלט,
ער האָט צו פּראָבע
ווידער דיך געשטעלט . . .
נאָך לאנג, לאַנג צוריק,
ווען דו, ישראל, ביזט געוועזן
א לאנדלאָז־פאָלק פון מצרים קנעכט,
אָהן פרייהייט און אָהן רעכט,
האָט בטחון
גענומען דיך ביי דער האַנד,
געפיהרט דיך דורך
א פאָלקלאָז מדבר לאַנד,
אין א לאַנד פון האָניג, מילך, וויין,
אין לאַנד פון דיין ווערען
און דיין זיין . . .

עס האָט דער הייסער מדבר ווינט
פון דיר געלאַכט,
עס האָט די זון־צוגליהטע זאמד
חוזק פון דיר געמאַכט . . .
די פּיראַמידען האָבען
דיין „נאַרישקייט" באַדויערט,
בלויז דער ספינקס,
דער היטער פון גרויסע לעבענס־סודות,
ער האָט מיט אַ נביא'ס אויג געקוקט,
ס'איז געלעגען אין זיין קוק אַ מיין,
„בטחון איז שטאַרקער פון אַלע פּרעה'ס
אַלע געטער וואָס זיינען ווען געווען
און וואָס וועלען זיין . . ."
מיט דיין בטחון האָסטו געשלאָגען
די, וואָס האָבען שקלאַפען־גייסט
אויפ'ן וועג צו פרייהייט מיטגעטראָגען . . .
מיט דעם כשוף־כח וואָס הייסט בטחון
האָט משה וואַסער פון פעלז געקראָגען . . .
געטער זיינען צושטויבט געוואָרען,
אימפּעריעס האָט די צייט צוריבען,
נור דו, מיין בטחון־פאָלק,
ביזט פעלזען פעסט געבליבען.
געטער, אימפּעריעס, הערשער, פיהרער,
האָבען דיך פאַרראַטהען
משיחים, משומדים האָבען דיך באַטראָגען.
הער ישראל,
דער אייביגער, דער אונבאַקאַנטער,
דער וואָס האָט מיט בטחון דיך באַזעלט
ער האָט צו פראָבע
ווידער דיך געשטעלט.
ווען די פעלקער, מיעד פון קריעג,
האָבען גענומען טהיילען רעכט און יושר,
ברענגען אין דער וועלט אַ טאָלק,
האָט מען דערמאָנט זיך
אויך אָן דיר, דעם אַלטען איוב־פאָלק . . .

„ישראל, גאָט געוועהלטער,
משיח־ברענגער, תורה־טראָגער,
פאָלק פון ווייגער און פון קלאָגער,
געה צוריק אין דיין לאַנד.
דו האָסט פון מזרח אַ גאָט־משיח
דעם מערב מענש געבראַכט,
טראָגט די תורה פון מערב מענש
אין דער מדבר צוריק . . .
געה אין דעם לאַנד פון דיינע אבות
ווער אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך."
און עס האָט דיין הארץ, ישראל,
פייערליך געיובעלט,
און ביזט געגאנגען אין דיין לאַנד
פון נעכטען, היינט און מאָרגען,
האָסט פעלזען אין טהאָל געשטויסען,
מיט מגפות קריעג געפיהרט,
דיין האַרץ אין דער ערד געלעגט,
און די ערד אין דיין האַרץ געטראָגען,
האָסט דעם אקער מיט'ן שווערד באַשיצט,
ווען דער מדבר האָט געשיקט די שוחטים זיינע...
אויף די לעמער דיינע,
און איצט האָט דער מזל שטערן,
אַ הייליגע האָפנונג אויסגעלאָשען,
פון דעם האַלב רעאלען
וואונדער־חלום דיינעם
האָט ער אַ מיראזש אַ מורא'דיגען
דיר געמאכט . . .
ישראל, איוב־פאָלק,
פאָלק פון בטחון,
עס האָט די געשיכטע צו אַ נסיון
ווידער דיך געשטעלט,
יאוש נעגען
דיין בטחון ארויסגעשטעלט,
האַלט אוים! האַלט אוים!
דורך בטחון, צו נצחון!

צו די ווינטען

ווינטען, טרובאדורען פון גרענעצלאָזע וועלטען,
וואַגאַבונדען-גייסטער, צוועקלאָז פרייע וואַנדרער,
זאָגט, זייט איהר די זעלבע וואָס האָבען
מיך אויף מיין וואנדער־וועג באַגלייט ?
זייט איהר די זעלבע וואָס האָבען ביי טאָג פאַר מיר געזונגען
אין די פעלדער, און ביינאַכט געוויינט ביי מיינע פענסטער ?

יאָ, איהר זייט די זעלבע, איך דערקען אייער ליעד,
נו, זייט־זשע מיר געגריסט, יוגענדס־חברים,
זייט געבענשט, איהר פילגרים־גייסטער,
זינגט ווידער מיר אייער שטורם־ליעד,
ברענגט צוריק מיר די שעהנע, טויטע טעג
ווען איך בין אויך, ווי איהר אַ ווינט געווען,
וועקט מיין מיעדע הארץ צו טרוימען
פון יענעם מאָרגען, ווען איך וועל
ווידער ציהען מיט אייך דורך דער וועלט.
נעהמט מיך אין אייערע ארעמס,
דריקט שטאַרק מיך צו אייער ברוסט,
דערצעהלט מיר דעם סוד פון אייער וואַנדער־לוסט,
לעהרענט ווידער מיך די פאַרגעסענע וואנדער־קונסט
איידער איהר ציהט פון דאַנען אָפּ.
איך פאַרשטעה אייער שפּראַך, געלעכטער און געוויין,
איך בין דאָך אויך אַמאָל אַ ווינט געווען . . .

ווינטען יונגע, ווילדע ווינטען,
הערשער פון סטעפּעס, וועלדער,
ימים, בערג און פעלדער.
איהר רייסט מיינע פענסטער,
איהר קלאפּט אין מיין טהיר,
עס הערט מיין נשמה, אייער רוף
איהר זייט געזעץ פאַר איהר . . .

איך געה מיט אייך וואוהין איהר רופט.

אויף ים, אין טהאָל, אויף בארג און שטאָדט.
שטורמט ווינטען, ארום מיין ברוסט,
וועקט די אַלטע וואנדער־לוסט . . .
ווינטען, פריהמאָרגען ווינטען,
אווענד ווינטען, ווינטען פון דער נאַכט,
איהר ברענגט מיר גייסטער
פון שעהנע, טויטע שעהן,
פון מחנות פייגעל שעהנע,
וואָס אמאָל מיין לעבענס־גארטען
האָבען מיט זייערע שירה אָנגעפילט,
און דעם דופט פון בלומען,
וואָס האָבען לאנג פאַרוועלקט שוין
און פון חלומות צאַרטע, וואָס די האנד
פון דער צייט האָט אויף שטויב צוריבען.
ווינטען, איהר ברענגט מיר
דעם זאַלץ־גערוך פון שטורמ׳דיגע ימים,
וואָס האָבען מיין לעבענס־שיפעל אָפט
געדראָהט מיט אונטערגאַנג . . .
און דעם קוש־קלאַנג פון צאַרטע, ריינע,
צום ערשטען מאָהל געקושטע ליפען;
און די בענקונגס־וועהען
פון נאָך ניט געליעבטע הערצער.

איהר ברענגט מיר צוריק
דעם זיסען גערוך פון יונגע,
פרישע פרויען,לייבער, און דעם וויין־טעם
פון רויטע, יונגע, פייערדיגע ליפען,
וואָס דאָס לעבען האָט לאַנג שוין
קאַלט און בלאַס געמאַכט.
איהר ברענגט מיר דעם פערפום־גערוך
פון שווארצע, און בלאָנדע לאָקען
וואָס איהר פלעגט בלאָזען אין פנים מיר אריין . .
איהר ברענגט מיר צוריק
דעם פריהלינג און דעם זומער,
פון מיין פול געלעבטען לעבען.

דער געבורט פון דעם רינג פון רינגען

אין מיינע אויערען
אַלץ נאָך קלינגען
די וואונדער מעשיות
וואָס מיין זיידע
פלעגט דערצעהלען
פון דעם כשוף רינג
פון רינגען.

שווערער און שווארצער ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער איז געווען דער מזל פון דעם אידישען בעל מלאכה ביים אידישען פאָלק. ערנידריגט און פעראכטעט איז ער געווען ביי דער אידישער אריסטאָקראטי, סיי ביי דער גייסטיגער סיי ביי דער געלד אריסטאָקראטי. אין קהל האָט ער קיין דעה ניט געהאט, געזעלשאפטליך איז ער כמעט געלעגען אין חרם. אפילו אין גאָט'ס הויז איז זיין מזל קיין בעסערער ניט געווען. פאר איהם האָט מען דאָס אויסגעבויט דעם פלוש. אויב ער האָט זיך שוין ארייגעכאפט אין שוהל צו אין בית המדרש, איז ער ווייטער פון דער טהיר ניט דערגאנגען. און אויב ער האָט זיך שוין דערוואַרט אויף אַן עליה האָט ער געקראָגען די תוכחה. קיין גרעסערע בעליידיגונג ווי זאָגען איינעם, אַז ער איז אַ שוסטערוק, אַ שניידערוק, אַ טרעגער, אַ משרת אָדער דינסט־מויד האָט גאָר ניט געקענט זיין. דער אידישער בעל מלאכה אליין האָט טאקע אויך געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ נידריגער באַשעפעניש. עס האָבען נאָך דאַן געפעהלט אין דעם אידישען וועלטל יענע עלעמענטען, וועלכע זאָלען אין דעם אידישען בעל מלאכה ארויסרופען דעם קלאסען־בעוואוסט־זיין און פאָלגליך אויך דעם קלאַסען שטאָלץ. אין אמע־ריקא אָבער זיינען שוין געווען יענע נויטיגע כחות, וועלכע האָבען אין דעם איינגעוואנדערטען אידישען בעל מלאכה אויס־געוועבט די קלאַסען פסיכאָלאָגיע. די אידישע בעלי מלאכות האָבען אָנגעפאנגען צו פארשטעהן, אַז צו זיין אַן ארבייטער איז אפשר אַ ווייטאָג אָבער ניט קיין שאַנדע. זיי האָבען גענומען בעגרייפען די וויכטיגקייט זייערע אין דער געזעלשאפט,

די גרויסע ראָלע וואָס זיי שפּיעלען אין לעבען, און דעם קליינעם שכר וואָס זיי קריגען פון דער געזעלשאַפט, האָבען זיי זיך גענומען פאַרבערייטען צום קאַמפּף פאַר עקאָנאָמישע פרייהייט און סאָציאַלע גלייכהייט.

פונקט ווי די ארבייטער פון אַלע פעלקער, אזוי האָבען די אידישע אַרבייטער אויך געשאַפען אייגענע אינסטיטוציעס. דער אַרבייטער רינג איז איינער פון די וויכטיגסטע.
ניט אַזוי גרינג ווי עס רעדט זיך איז דער אַרבייטער רינג בעשאַפען געוואָרען.

מיט זעהר שווערע געבורטס־וועהען איז ער אויף דער וועלט געקומען, און גאַרניט קיין גליקליכער גורל האָט איהם בעגלייט אין די ערשטע לעבענס־יאָהרען זיינע. א ממזר־קינד איז ער אין די ערשטע יאָהרען זיינע געוועזן פאַר דעם גרעסטען טייל פון אונזער באַוועגונג, מען האָט איהם ביי זיין געבורט געזוכט צו דערשטיקען און שפּעטער האָט מען איהם לאַנג מחוץ למחנה געהאַלטען . . .

דער אַרבייטער רינג איז געבוירען געוואָרען פון דעם יאָהרענ־לאַנגען קאמפף צווישען דער ווירקליכקייט און דער פאַנטאַזיע, צווישען דער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק און פראַקטישען אידעאַליזם, צווישען דער רעוואָלוציאָנערער פערנונפט און דער רעוואָלוציאָנערער אוטאָפּיע, צווישען דעם געדאַנק פון „מענש פערלאָז זיך אויף גאָט," און דעם היפך געדאַנק פון „מענש טו און גאָט וועט דיר העלפען."

אין די ערשטע יאָהרען פון אונזער באַוועגונג האָבען די סאָציאַלע־ראָמאַנטיקער, די הימעל־אידעאַליסטען, די משיח־ווארטער געשפּעלט דעם ערשטען פידעל, זיי האָבען געקעמפּפט געגען יעדען, וואָס האָט זיי, די הימעל־שוועבער, געזוכט צוריק צוברייגנגען אויף דער פּראָזאאישער ערד. פּראַקטישע טעטיג־קייט האָבען זיי געהאַלטען אלס פאַרשוועכונג פאַר זייער משיח אידעע . . . הייגט, מאָרגען, האָט די געטין פון פרייהייט זיך באַדאַרפט אַרונטערלאָזען אויף דער ערד און אויסלייזען דעם וועלט פּראָלעטאריאט פון קאפּיטאַליסטישען גלות, אלע

וואָס די אַרבייטער האָבען בעדאַרפט טאָן איז זיין גרייט אַריינ־צוגעהן אין פרייהייטס-לאַנד.

אָבער די געטין פון פרייהייט האָט זיך ניט אַזוי געאיילט ווי איהרע פאַרהערער. טעג, וואָכען, יאָהרען, זיינען געגאַנ־גען און געקומען און די געטליכע געטין פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז נאָך אַלץ געשלאָפען. און קיין שטיצע פאַר סטרייקער האָט זי ניט געשיקט, זייערע הונגעריגע פרויען און קינדער ניט געשפייזט, און קיין סטרייק בענעפיט האָט זי ניט געצאָהלט, און קיין בעיל פאַר אַרעסטירטע פיקעטס ניט געגעבען, טויטע פראָלעטאַריער ניט באַערדיגט, אַלמנות און יתומים די נויטיגע הילפּניט געבראַכט, קראַנקע ניט געהיילט, קיינע סאַניטאַריומס ניט געשאַפען, אָרימע ניט געשטיצט. איה־רע אָנהענגער האָבען אַפילו שעהנע, מעכטיגע לופט טעמפּלען אויסגעבויט, נאָר קיין היים פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג איז נאָאָך אַלץ ניט געוועןֹ . . . און די ווירקליכקייט האָט גע־ווירקט, און די סאָציאַליסטישע פערנונפט האָט גובר געווען, די רעוואָלוציאָנער־טרוימער זיינען אַלץ שוואַכער געוואָרען, די גראַוויטאַציאָנס־מאַכט פון דער ווירקליכקייט האָט זיי פון די הימלען אויף דער ערד אַרונטערגעשלעפט, עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אן עפּאָכע פון קאָנסטרוקטיווע רעוואָלוציאָנערע אַרבייט, און דער אַרבייטער רינג, דער רינג פון רינגען איז געבוירען געוואָרען.

★ ★ ★

די ענטוויקלונג און די דערגרייכונגען פונם רינג פון די רינגען

„די גרינדונג פונם קלענסטען אַרבייטער פאַראיין וועט פאַרן צוקונפטיגען היסטאָריקער זיין פון גרעסערער באַדייטונג ווי די שלאַכט ביי סאַדאָוואַ.“ דער געדאַנק האָט אַרויסגעזאָגט נאָך מיט הונדערט יאָהר צוריק דער אידיש־דייטשער סאָציאַ־ליסטישער דענקער, יאָהאַן יאַקאָבי. נו, אויב דער קלענסטער־אַרבייטער פאַראיין וועט פאַרן צוקונפטיגען היסטאָריקער זיין

פון גרויסער באַדייטונג, פון וואָס פאַר אַ באַדייטונג וועט שוין פאַר איהם זיין די גרינדונג, די ענטוויקלונג און די דערגרייכונ־גען פון אַרבייטער רינג? דער אַרבייטער רינג מיט זיינע קאָנ־סטרוקטיווע סאָציאַלע אידעאַלען, מיט די קולטורעלע און הייל־אינסטיטוציעס וואָס ער האָט געשאַפען, די ליטעראַטור וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען און פאַרשפּרייט אין די צענדליגער טוי־זענדער ביכער און אַנדערע סאָרטען ערציהונג אויסגאַבען, דעם אַנטייל וואָס ער האָט גענומען און נעמט אין קאַמפען פון די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבייטער מאַסען, די גרויסע ראָל וואָס ער האָט געשפּיעלט און שפּיעלט אין דעם אַלגעמיינעם אידישען און אַמעריקאַנער לעבען, דעם אַנטייל וואָס ער האָט גענומען און נעמט אין יעדער גרויסער וויכטיגער און ווירדיגער אונטער־נעהמונג פון אידישען פאָלק און דעם גרויסען בייטראַג צו אונזער לאַנד אין דער איצטיגער וועלט־מלחמה.

דער אַרבייטער רינג, ווי עס איז שוין אין ערשטען קאַ־פּיטעל געזאָגט געוואָרען, איז געקומען אויף דער וועלט אַלס ניט געווינשטער, אָבער ער האָט שליסליך זיך ערָאָבערט איינע פון די וויכטיגסטע פּאָזיציעס אין דער אַרבייטער באַוועגונג, אין דעם אַלגעמיינעם אידישען לעבען סיי אין אַמעריקאַ, סיי אין אויסלאַנד.

ווי אין יעדער גרויסער מענשליכער אָרגאַניזאַציע, באַזונ־דערס אַזאַ סאָרט אָרגאַניזאַציע ווי דער אַרבייטער רינג, קומען פאָר און עס מוזען פאָרקומען אינערליכע קאַמפען—אידעען־קאַמפען, קאַמפען וועגען מעטאָדען און אָרגאַניזאַציאָנס פאָר־מען. האָט דער אַרבייטער רינג געהאַט זיינע קאַמפען.

דער ערשטער אינערליכער קאַמף וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אַרבייטער רינג איז געווען צווישען די „יונגע און אַלטע.“ עס איז ניט מיין אויפגאַבע דאָ, און דער בוך איז ניט דער פּלאַץ צו גיבען אַן אָפּהאַנדלונג און אָפּשאַץ פון דעם קאַמף. יעדענפאַלס, ווייסען די מעהרסטע מיטגלידער די געשיכטע פון אָט דעם קאַמף.

דער צווייטער קאַמף האָט שוין געטראָגען אַ מעהר גע־שעפטליכען כאַראַקטער, דאָס איז געווען דער קאַמף וועגען פראַטוירנעל רעיטס. דער דריטער קאַמף, איז געווען צווישען

די סאָציאַל־דעמאָקראַטען און די קאָמוניסטען, דאָס הייסט, צווישען דיקטאַטור און סאָציאַלער דעמאָקראַטי.

און איצט, אַז מיר זיינען שוין באַקאַנט מיטן געבורט, ענטוויקלונג און די קאַמפּפען פון דעם רינג פון די רינגען, דאַרפען מיר זיך באַקענען מיט זיינע שאַפונגען און מיט זיין באַדייט פאַר די אידישע פאָלקס־מאַסען און דעם אידיש־אַמעריקאַנער לעבען אין אַלגעמיין.

דער ארבייטער רינג צעהלט איצט 73,000 מיטגלידער. דער ארבייטער רינג און דאַכט מיר, די איינציגע אידישע פראַטערנעל קערפּערשאַפט וואָס האָט אויסגעבויט און האַלט אויס שוין זייט פיעלע יאָהרען אַ גרויסען, מאָדערנעם סאַניטאַריום, וועלכער געפינט זיך אין ליבערטי, נ. י. אַ סאַניטאַריום, וועלכער פאַרנעהמט אַן אויבען אָן פּלאַץ צווישען די הייל-אינסטיטוציעס פאַר לונגען קראַנקע אין לאַנד. אחוץ דעם, האָט דער ארבייטער רינג מעדיקאַל דעפּאַרטמענטס אין כמעט יעדער גרעסערער שטאָט אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען און קענעדע. און אויך סאָשעל סוירוויס דעפּאַרטמענטס. די מעדיקאַל דעפּאַרטמענטס זיינען צו היטען דעם געזונד פון די מיטגלידער און זיי גיבען ביליגע דאָקטוירים סוירוויס, די סאָשעל דעפּאַרטמענטס זיינען צו העלפען מיטגלידער לייזען זייערע פאַרשידענע פּערזענליכע און פאַמיליען פּראָבלעמען.

דער ארבייטער רינג האָט אַן „אָלד איידזש פאָנד“ פאַר מיטגלידער וואָס דערגרייכען אַ געוויסען עלטער און זיי קאָנען אליין ניט זאָרגען פאַר זיך, זיי ווערען געשטיצט פון דעם פאָנד. אין די מעהרסטע פאַלען ווערען די אַלטע־לייט אריינגענומען אין היימען וואו זיי לעבען זיך רוהיג אויס די געבליבענע יאָהרען.

דער ארבייטער רינג האָט געשאַפען אַ נעץ פון מאָדערנע אידישע שולען אין וועלכע נאָהענט צו 8000 קינדער לערנען די אידישע שפּראַך, אידישע געשיכטע, און אידישע ליטעראַטור. די קינדערע ווערען ערצויגען צו זיין ניצליכע און ווירדיגע בירגער פון לאַנד, שטאָלצע אידען, און קעמפער פאַרן סאָציאַליסטישען געדאַנק.

אין יעדער גרעסערע שטאָדט פון די שטאַאַטען און קענעדע, האָט דער ארבייטער רינג שולען, זומער־קעמפּס פאַר קינ-

דער און ערוואקסענע, קינדער־גאָרטענס, קינדער כאָרן. דער אַרבייטער רינג האָט אויך כאָרן פון ערוואַקסענע מיטגלידער, מאַנכע פון די כאָרן האָבען זיך שוין ערוואָרבען אַ נאָמען אין מוזיקאַלישער וועלט אין לאַנד.

דער אַרבייטער רינג האָט אויך געשאַפען קינדער קלובען, קינדער צייטונגען וואָס ווערען אַרויסגעגעבען אין אידיש, דער אַרבייטער רינג האָט אויך ענגליש שפּרעכענדע יוגענדס אָרגאַ־ניזאציעס, וועלכע גיבען ארוים אַן אייגענעם זשורנאַל אין ענג־ליש. דער אַרבייטער רינג האָט אויך אַ אידישע פאָלקס־ביהנע. דער אַרבייטער רינג האָט אַרויסגעגעבען און געהאָלפען אַנדערע אַרויסגעבען מאַסען ביכער און זשורנאַלען, וועלכע זיינען פאַר־שפּרייט געוואָרען אין צעהנדליגער טויזענדער עקזעמפּלאַרען.

דער אַרבייטער רינג האָט כמעט אין יעדער שטאָדט פון לאַנד און אין קענעדע סוירווים קלובען, צו דינען די מיטגלידער און די קרובים פון מיטגלידער, וועלכע זיינען איצט אין דינסט אין די באוואפענטע כחות פון לאַנד.

דער גענעראַל אָפיס פון אַרבייטער רינג האָט ביז איצט פאַרקויפט פאַר אַ מיליאָן דאָלאַר וואָר־באַנדס. די ניו יאָרקער ברענטשעס האָבען ביז איצט פאַרקויפט פאַר 5 מיליאָן דאָלאַר וואָר־באַנדס. מען מעג מיט רעכט אָננעהמען אַז איבערן גאַנ־צען לאַנד האָבען די אַרבייטער רינג ברענטשעס ביז היינט גע־קויפט צווישען צוועלף און פופצעהן מיליאָן דאָלאַר וואָר־באַנדס. אחוץ דעם, האָט דער אַרבייטער רינג געשטיצט מיט צענדליגער טויזענדער דאָלאַר דעם רויטען קרייץ און אַנדערע וויכטיגע קערפּערשאַפטען וואָס גיבען זיך אָפּ מיט מלחמה טעטיגקייטען.

די שטיצע וואָס דער אַרבייטער רינג האָט אין פאַרלויף פון זיין לעבען געגעבען צו אַלע וויכטיגע אידישע אינסטיטוציעס, סיי אין אַמעריקאַ און סיי אין אויסלאַנד, און צו אידישע און ניט אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, קאָן אויך גערעכענט ווערען אין הונדער־טער טויזענדער דאָלאַר אויב ניט מעהר נאָך.

איז אַ וואונדער וואָס דאָס „ממזר קינד" פון דריי און פער־ציג יאָהר צוריק, איז היינט דער שטאָלץ פון די אידישע פאָלקס־מאַסען פון אַמעריקאַ.

די תפילה פון אלע תפילות

די קינדער פון די אלוועלטליכע אידישע שולען געווידמעט

אָ, אלין שאַפענער גייסט פון דער אייביגקייט,
בורא פון ליעבע, ליכט און לעבען,
גיב אונז שטורמדיגע לידער, הערליכע חלומות,
הייליגע אידעאַלען און פייערליכע וויזיאָנען;
מאך אונז פאַר די וועג־ווייזער פון די בלאָנדזשענדע,
פאַר די וועקער פון די שלאָפענדע;
מאך אונז פאַר די פאקעל־טרעגער און לאָמפען־צינדער פון
דער וועלט.
מאך אונז פאַר די שומרים פון די פרייהייטען
וואָס זיינען מיט הייליגען בלוט פון מארטירער געקויפט
געוואָרען;
לאָז אונז ניט פארזינקען אין דאָס מאטעריעלע,
זאָל דער גייסט פון פאָרשונג און קאמף תמיד זיין באהעפט
צו אונז.
טויט אין אונז דעם עגאאיזם און די גייציגקייט,
ניט בלויז זאָלען מיר רעכט פאָדערען, נאָר אויך פליכטען
ערפילען.
פיהר אונז פון טרוים צו טהאַט, פון טהאַט צו טרוים,
פון האָפנונג צו דערגרייכונג, פון דערגרייכונג צו האָפנונג.
מאַך אונז העלדיש פארן לעבען, און קאמף באַרייט פארן יושר.

אָ, וועלטאל־גייסט, וואָס דו ביסט אָהן אַן אָנהויב און אָהן א סוף,
לערען אונז דעם פראָטעסט, לעהרען אונז פאראכטען
דאָס אומווירדיגע,
ארויסצוטרעטען געגען דאָס געמיינע, קריעג־פיהרען געגען
גאָט מאמאָן,
גאָט מארס, געגען דעם גאָט פון נקמה,
געגען טיראנען, דעספאטען, דיקטאטאָרען, זעלבסט־הערשער,
געגען פאלשע לעהרער, פארפיהרענדע פיהרער, אונגערעכטע
ריכטער,
פאלשע עדות און פאלשע נביאים.

לייג אין אונזערע הערצער אכטונג פאר דאָס ווירדיגע,
ליבע פאַר דאָס שעהנע און גערעכטע, מיטגעפיהל פאַר די
שוואכע און הילפלאָזע.
העלף אונז אין אונזער ארבייט צו מאכען די וועלט פאַר א
גרויסער קאָאָפעראַטיווע,
און די מענשען פאראייניגען אין אַ ברודער־בונד.
נעהם צו ביי אונז די מורא און די שוואכקייט זיך איינצושטעלען
פאַרן יושר,
לעהרען אונז צו שטעלען דעם יושר און דעם אמת העכער
פון אונזערע פערזענליכע אינטערעסען,
העכער פון תורות און פּארטייען.
גיב אונז דעם כח צו ברענגען די נויטיגע קרבנות.

אָ, גייסט פון ארבייט און שאַפען, פאָטער פון אקערא‏ייזען,
פון דער קאָסע,
פון דער זעג, האמער, האַק, גראבליע, מאשין און דלאָט!
לעהרען אונז די טוגענד פון ארבייט, צו אכטען דאָס שאַפען,
דאָס ערפינדען,
צו באַרייכערען דאָס לעבען און גרינג מאכען די לאַסטען
פון דער מענשהייט.

אָ, גייסט פון אַלע גייסטער! שפּייז אונזער גייסטיגען הונגער
און מאַך אונז זאַט מיט וויסען און חכמה.
שטיל אונזער זעלען־דורשט פון די קוואַלען פון גערעכטיגקייט,
קרעפטיג אונזערע גלידער, מאַך שטארק אונזער גייסט
צו פיהרען די מלחמה געגען די בייזע כחות וואָס דראָהען
מענש און לעבען.
ווידמע אונז אַלס זעלנער אין דער הייליגער מלחמה פאַר
אונזער קלאַס, פאָלק און די גאַנצע מענשהייט.
עפען אונזערע הערצער, זיי זאָלען וואָס שנעלער פאַרנעהמען
דעם הילפס־רוף פון די הילפלאָזע, און דעם קאמפס־רוף פון
די קעמפענדע.
גיב אונז קוראַזש צו פרעגען קשיות.
און אָהן מורא צו זוכען דעם תירוץ.
פיל־אָן אונזערע נשמות מיט הייליגער אומצופרידענהייט,

גערעכטען פּראָטעסט און פאַרנינפטיגען רעוואָלט.
מאַך אונז פעסט און טריי אין דעם גרויסען וועלט־קאַמף,
ביז דער הערליכער טאָג וועט קומען,
ווען די וועלט וועט זיין פריי, און אַלע מענשען — ברידער.

★ ★ ★

וועלט שטורם

פון מזרח, מערב, צפון, דרום,
טראָגט זיך איצט א שווארצער שטורם,
יאָגט ער, שרייט ער און ער שעלט,
רייצט ער אויף וועלט געגען וועלט,
טראָגט ער זיך פון לאַנד צו לאַנד,
צינדט ער אָן א וועלטען בראַנד.
פון באַרג און טהאָל, פון סטעפּע און פעלז,
טראָגען זיך ווילדע געשרייען,
פון דאָרף און שטאָדט, פון פעלד און וואַלד,
ציהען צוויי ריזיגע אַרמייען,
איינע ווערט פון אשמדאי געפירט,
די צווייטע — פון גאָט אַליין קאָמאַנדירט . . .
איז פול די וועלט מיט פּולווער, גאַזען, דינאַמיט,
איז פול די וועלט מיט קאַמף און קריעג.
פעלקער־קריעג, בירגער־קריעג,
ראַסען־קריעג, קלאַסען־קריעג,
קריעג געגען מענש און איד . . .
ס'איז א שווארצער טאָג, א בייזע שעה.
קאַמף צווישען מענש און חיה רעה . . .
און די שווארצע ריטער פון נידערטראַכט,
די מאָדערנע מענשען פרעסער,
זאָגען אָן א בייזע נאַכט,
פון אידען בלוט און „לאַנגען מעסער . . .״
ברוינע העמדלאַך, שווארצע הערצער,
שטאַלענע היטלען, ווייסע קיטלען,

די מחנות שווארצע פון אשמדאי
שטעלן קולטור און פרייהייט אין געפאהר.
דורך בראנד, האַגעל, שטורם, רעגן,
ציהען איצט אויף אַלע וועגן
די זיהן און טעכטער פון דער זון
ציהען אין קאמף מיט פעסטע טריט.
די שווארצע לעשען אויס די זון,
די פרייע צינדען די זון ווידער אָן . . .
רייסט די וועלט איצט קייט און שטריק,
ציהט די וועלט אין לעצטען קריעג . . .
קיין כח, קיין שטער, קיין אונטערקויף און קיין פארוועהר,
פארצוימען קאָנען ניט די וועגן,
אויף וועלכע די פרייהייטס ריטער
מאַרשירען איצט דער זון אנטקעגען . . .

★ ★ ★

דער סוד פון לעבען

דו בעטסט מיט טרעהרען ביי דעם ספינקס פון לעבען
דער סוד פון סודות דיר צו געבען,
נו, זי האָט איהם לאנג דיר שוין ערקלעהרט,
נאָר אין דיין פערצווייפלונג האָסטו עס ניט געהערט.
א בעכער וויין, א פרוי א בלום, א הארפע, א גיטאר,
א שיר, א קוש, א טאנץ, א לאך, א טרעהר,
א פייל, א בויגען, א פאנצער, א געוועהר.
א שפרינג, א טרינק, א קיי, א שפיי,
א האנד, א פויסט, א גלעט, א שטויס,
דעם קאָפּ א הויב, דעם קאָפּ א בייג,
אן אויסגעשריי און א שווייג . . .
א קריג, א זיג, א ציעל, א שפיל,
א פליה, א פאַל, א טרעהר, א קעהר,
דאָס איז דער סוד פון לעבען, פריינד,
ווייטער גארניט מעהר . . .

מיר — אידען

מיר איִדן זיינען א מאדנע פיקאנט און אינטערעסאנט פאָלק.

פליגען, שוואַך און קליין, ווי א זעמדעל ערד, און דאָך בארען זיך מיט אונז די פעלקער שוין שעהנע עטליכע טויזענד יאהר, און קאנען אונז ניט גובר זיין. שטעהען מיר די פעלקער ווי א ביין אין האלז. זיי קאָנען אונז ניט ארונטערשלינגען און קאנען אונז ניט אויסשפייען . . .

מיר אידען זיינען אנדערש ווי אלע אנדערע פעלקער. קיין פאָלק פארלאָכט זיך ניט, באוויינט זיך ניט, פאַראַכטעט זיך ניט און איז ניט אַזוי שטאָלץ אויף זיך, ווי מיר איִדען!

מיר אידען זיינען ניט ערגער פון קיינעם, ניט בעסער פון קיינעם, מיר זיינען בלויז ערגערע אָפּ פון אלעמען און אַלע זיינען בעסער אָפּ פון אונז.

אונזער טראגעדיע באשטעהט אין דעם וואס אונזערע אינ־דיווידועלע חסרונות מאכען די שונאים אונזערע פאר נאציא־נאלע, און אונזערע נאציאָנאלע מעלות מאכען זיי פאר אינ־דיווידועלע.

מיר אידען זיינען תמיד אין דער לאגע פון „גאה איך פא־וואָליע, קריך איך, גאה איך שנעל, צוריים איך די שיך . . .״

דינען מיר דאס לאַנד, שרייען די שונאים, אז מיר פארכא־פען דאס לאנד; דינען מיר ניט דאס לאנד, שרייען די שונאים אז מיר זיינען אומזיסטיגע פרעסער, צייכענען מיר זיך אויס מיט עפּעס, זיינען מיר כבוד זוכער; צייכענען מיר זיך ניט אויס, זיינען מיר א נוצלאָזע און נישטיגע ראסע.

זעהן די שונאים א אידישען אָרימאַן, זיינען מיר א פאָלק פון שנאָרער, זעהען זיי א אידישען עושר, זיינען מיר א פאָלק

פון בלוט־זויגער און רייכטהום פארכאפער. תמיד איז דער אידישער יחיד פאראנטוואָרטליך פאר׳ן אידישען כלל, און דער כלל פאר׳ן יחיד . . .

מיר אידען זיינען א פּאָלק פון רעזאָלוציעס און רעוואָלוציעס. מיר מאַכען רעוואָלוציעס צוליעב רעזאָלוציעס און רעזאָלוציעס דורך רעוואָלוציס . . .

מיר שטיצען, סימפּאטיזירען און פארדאמען מיט רעזאָלוציעס, ווען רעזאָלוציעס וואלטען געהאט געלט ווערטה, וואָלט יעדער איד געווען א ראקעפעלער . . .

מיר האַלטען אין איין „נעהמען אין אנבעטראכט,״ מיר האָבען דארום קיין צייט ניט צו באטראכטען וואס מיר נעהמען...

מיר אידען זיינען א פּאָלק וואס בויט דורך ברעכען . . . גאָט האט אונז געהייסען זיך מעהרען ווי דאס זאמד ביים ים און ווי די שטערען אין הימעל, דערפאַר האַלטען מיר אין איין שפּאַלטען זיך . . . יעדע פאראייניגונג פאנגט זיך בו אונז אָן מיט א שפּאַלטונג . . .

מיר אידען זיינען א פּאָלק פון רייד און געשריי. אמאָל פלעגען מיר קעמפען מיט טרעהרען און געבעט, היינט קעמפען מיר מיט רעדען און שרייען.

אָפט מאכען מיר געוואלדען איבער א לעכערליכער קליינִיגקייט, און ניט זעלטען שווייגען מיר ווענען דער גרעסטער וויכטיגקייט . ׳. .

מיר האבען אפילו אויסגעלעהרענט א טהייל פון אונזערע קריסטליכע שכנים צו שרייען מיט אונז, אונזער שריי קונסט איז אונזער גליק ; ווען ניט דאס שרייען, וואָלט שוין קיין שריד ופליט ניט געבליבען פון אונז און מיר וואָלטען ניט געקאָנט מעהר שרייען און רעדען . . .

האָט איהר אַן אָרט?

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַ קרעפטיג וואָרט,
אַ וואָרט וואָס פליגעל האָט,
וואָס איז ווי אַ פייל
וואָס פליהט און טרעפט,
טרעפט און פליהט
מייל נאָך מייל . . .
אַ וואָרט וואָס שטאַרבט ניט אָפּ
נאָכדעם ווי ס'איז אַרויסגעזאָגט . . .?

* * *

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַ ברענענדיגען וואָרט,
אַ וואָרט וואָס טראָגט זיך
ווי אַ פלאַם
איבער גאָר דער וועלט,
וואָס בענשט און שעלט,
וואָס שטורמט אויף,
וואָס ברעכט איין,
וואָס טראָגט געלעכטער
און געוויין,
וואָס טראָגט אַ זין
אינ'ם זיין אַריין . . . ?

* * *

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַ כשוף־וואָרט
וואָס יאָגט און טראָגט,
וואָס ברענט און בריהט
וואָס צערטעלט, טרייסט,
וואָס שמייסט, און בייסט,
וואָס אַ נשמה האָט
און אַ טיעפען גייסט . . .?

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַ נביאיש וואָרט
וואָס טראָגט געזאַנג,
וואָס איז באַזעלט
פון אַ געדאַנק,
וואָס טרייסעלט אויף
ווי דינאַמיט,
וואָס ציטערט אויף,
און רייסט אייך מיט,
אַ וואָרט וואָס איז זיס,
וואָס איז ביטער,
וואָס שמייסט
דעם מה־יפית און חניפה־גייסט
מיט אייזערנע ריטער.

* * *

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַ גלויבענס וואָרט,
אַ וואָרט וואָס שטעלט
אַלץ אין קאָן,
וואָס לעשט דעם יאוש אוים
און צינדט האָפנונג אָן.
אַ וואָרט וואָס זאָגט
פריי און אָפען אַלעס,
אַ וואָרט וואָס טראָגט אין זיך
דעם צאָרן פונ׳ם ים
און דעם קאַמפלוסט
פון די כוואַליעס . . .

* * *

האָט איהר אַן אָרט,
פאַר אַ הויך שטאַרק וואָרט,
פאַר אַ שטאָלץ, טראָציג וואָרט,
אַ וואָרט וואָס צווינגט
מען זאָל עס הערען
וואָס טראָגט אין זיך

דעם פייער פון דער זון
און דאָס ליכט
פון די שטערען . . .

* * *

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַ לאַכענדיגען וואָרט,
אַ וואָרט וואָס איז
אַ שפּיעלענדיגער שפּיז,
מיט אַ בלאַנקען
שאַרפען שפּיץ,
וואָס פאַרוואונדעט,
און וואָס היילט.

* * *

מיט סאַטירע
און מיט וויץ,
אַ וואָרט וואָס חוזקט
באַטראַג און ליגען אויס,
און לאַכט אַ גרויסען אמת
טיעף און פעסט אַריין
אין מענשענס זיין . . .?

* * *

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַ געוואַגטען וואָרט,
אַ וואָרט וואָס דענקט,
וואָס פאָרשט, וואָס טראַכט,
וואָס קריג ערקלעהרט
אַ טויטער צייט,
וואָס דעם גייסט
געפּענטעט האַלט
מיט אַ אבערגלויבענס קייט . . . ?

* * *

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַ שטאָלץ טראָציג וואָרט,

וואָס די העזה האָט
קשיות פרעגען
אפילו אויך ביי אַ גאָט . . .
אַ וואָרט וואָס דעם אמת זאָגט,
וואָס פאַרטיידיגט
און פאַרקלאָגט,
וואָס לאַכט אויס,
וואָס לייקענט אָפּ,
אַ וואָרט וואָס צווייפעלט
און וואָס גלויבט
וואָס וואַרפט געטער אַלטע
אַריין אין שטויב . . . ?

* * *

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַן ערנסט וואָרט,
אַ וואָרט וואָס איז ניט
קיין קינדער־שפּיעל,
אַ וואָרט וואָס האָט
אַ גרויסען ציעל,
אַ וואָרט וואָס פאָדערט
און באַפעהלט
וואָס באַפליגעלט
און באַזעלט,
אַ וואָרט וואָס דעקט אויף
אַ גרויסען סוד,
וואָס שרעקט זיך ניט
פאַר מענש, פאַר טייפעל,
און פאַר גאָט . . . ?

* * *

האָט איהר אַן אָרט
פאַר אַ גערעכטען וואָרט,
אַ וואָרט וואָס אקערט,
אַ וואָרט וואָס זעעט,
אַ וואָרט וואָס ווי אַ קאָסע שניידט

דעם מענש אין שמאטעס,
דעם מענש אין זייד . . .
א וואָרט וואָס דונערט,
א וואָרט וואָס בליצט,
א וואָרט וואָס אין הארץ און מח
בלייבט איינגעקריצט . . . ?

* * *

האָט איהר אַן אָרט פאַר
אזא מין וואָרט . . . ?

★ ★ ★

דער שלאָס פון הכמה

(אַ כינעזישע סאַטירע)

יעדע טהיר וואָס איך האָב געעפענט
אין דעם וואונדער שלאָס פון חכמה,
האָב איך געפונען א פוסטען זאל . . .
האָבענדיג אזוי געלערנט חכמה,
האָב איך דעם לעצטען שלאָס
שוין ניט באריהרט . . .

★ ★ ★

ווער ווייסט

(אַן אַלט יאַפּאַנעזישע ליד)

וועט ער מיר זיין געטריי ?
ווער קאָן וויסען דאָס אויף וואר,
זינט דער נייער טאָג
האָט גוט מאָרגען מיר געזאָגט,
זיינען מיינע געדאנקען צושויבערט,
ווי מיינע שווארצע האָר.

איינע פון פיעלע

א טאָכטער פון ישראל איז זי, און פונקט ווי איהר פאָלק פול מיט ווידערשפּרוך . . . א דאָפּעל־מענש, איין קערפּער, צוויי נשמות, צוויי נעמען — דונא און דינה.

דונא, פלעגן די רוסישע סטעפּעס־זיהן מיט ליבע זי רופען. דינה רופען זי מיט פערגעטערונג איהרע פּארטיי חברים.

פון איהר גרויסע נאכט־שוואַרצע אויגען קוקט די טריעב־קייט פון דעם רוסישען סטעפּ אַרוים. און עס פלאַמט פון זיי די מזרח זון . . .

אין איהר יונג, ריין האַ־ץ, וויינען די נאכט ווינטען פון די סטעפּעס, און עס לאַכען און לייכטען איהר פאָלקס־האָפע־נונגען אַרוים.

טריעב און הארציג קלינגט דער „עה אוכנעם," פול מיט פייערליכקייט טראָגט זיך די „התקוה" פון איהר קרעפטיגער ברוסט.

זי בענקט נאָכ'ן דנעסטער און טרוימט פון ירדן . . . די סטעפּעס פון איהר געבורטסלאַנד רופען זי, און יהודה'ס בערג ווינקען צו איהר . . .

און דונא קעמפט מיט דינה'ן, און דינה מיט דונא'ן, און איינע איז די צווייטע גובר . . . אמאָל דינה דונא'ן, און אמאָל דונא דינה'ן . . .

טראכט דונא פון איהר געבורטסלאַנד וואָס האָט זי ווי א שטיפמאמע בעהאנדעלט, בענקט דינה נאָך דעם אונבעקאַנ־טען לאַנד פון איהרע אבות, דאָס נעכטען און דעם מאָרגען־לאַנד פון מזרח . . .

הערט דונא די הארציגע, טריעבע פאָלקס־ליעדער פון די סטעפּע קינדער, טראָגען זיך צו דינה'ס אויערען די הארציגע פייערליכע האָפנונגס לידער פון ציונ'ס נייע זיהן און טעכטער וואָס בויען מיט ליבע און בלוט דאָס אַלט־נייע לאַנד.

ווערט דונא'ס הארץ אין שטיקער צוריסען פון די סטעפּע לידער, טאנצט דינה'ס הארץ פון שמחה און הייליג ווערען איהר די באָרוועסע פיס און נאקעטע לייבער פון די חלוצים, וואָס ווערען פון ציון'ס זון און די הייסע מדבר זאמד געברענט . . .

דונא און דינה! איין קערפּער, צוויי נשמה'ס, א ים פון שטימונגען. צער און שמחה טאנצען פון איהרע אויגען ארויס, אומרוה, אומעט, געלעכטער און געוויין, איכה און שיר השירים, יהודית און ווענוס, וואוינען בייזאמען אין איהר ברוסט . . .

איהר קערפּער איז אין אמעריקא, איהר קאָפּ אין אוקראינא, איהר הארץ אין תל אביב . . .

דונא און דינה! איין מענש, צוויי נשמות, איינע פון פילע אידישע טעכטער פון דער מאדערנער צייט . . .

★ ★ ★

א געזאנג פון א כינעזישער מיידעל

יונג בין איך,
פול מיט חן,
און לעב אליין,
און יעדע נאכט
שרייב איך בריעף.
עס שרייבט מיין הארץ זיי,
שרייבט מיט וועה,
און עלענד בין איך,
האָב ניט וועמען שיקען זיי.
וויינט מיין הארץ, בעט מיין הארץ,
עס האָט אזוי פיעל זים געזאנג,
עס האָט אזוי פיעל ליבעס רייד,
און קיינער האָט פאר זיי קיין צייט . . .
רעד איך צו די ביימער מיר,
און קוק אויף די שאָטענס
וואָס שוועבען פארביי מיין טהיר . . .

גאט, מענש, טייפעל און מאשין

ס'האָט גאָט גערעדט
מיט געטער זין
צו דער מאשין
און ער האָט
אזוי געזאָגט:
ס'איז שלעכט
דעם ארבייטס-מענש
דעם פויער
און דעם בויער.
ער וויינט
און שרייט געוואלט
מיט זיינע קולות
דעם הימעל שפאלט.
איך האב דעם
פויער-מענש,
דעם בויער-מענש,
געגעבען מיין הבטחה
אז אויף דער ערד
ער וועט האָבען
א גליקליכע מערכה.
טאָ געה מאשין
צו איהם ארונטער,
זיי פאר איהם
א ברכה.
ווען דאס געהערט
האָט סאטאן
און גאָט מאמאן,
געווארען איז ביי זיי
א בהלה, א יללה,
און פאַרשאָלטען
די מאשין צו זיין
פארן מענש א קללה...
א קללה פאר'ן מענשען זיי,
דו הערסט מאשין!
פאלג אונזער געבאָט
ווייל אויף דער ערד
איז מאמאן אלץ נאָך גאָט...
עס וועט דער מענש

דיין קאַלטען שטאָל באַזעלען
מיט זיין גייסט און זין,
ער וועט דיך מאַכען פאַר אַ מענש—
דו זאָלסט איהם מאַכען
פאַר אַ מאַשין . . .
רויב זיין דזשאָב, רויב זיין ברויט,
און רויב אויך זיין זין . . .
הער מיין באַפעל מאַשין!
דו שטאָהלענע שפּין און ביהן . . .
וואס איז דער מענש
אין מיינע הענד
פּראָפּיט, פּראָצענט,
ביי מאַמאָן גרויס צו זיין
מוז מען זיין
פון שטאָהל און שטיין . . .
רעדט די מאַשין צום מענש
און זי זאָגט:
„דו שרייסט און מאַכסט אַ יללה
פאַרוואס איך בין פאַר דיר אַ קללה,
אַז איך פאַרצעהר דיין גאַנצען זיין
דאָך שולדיג אַבער ביזטו אליין.
ליינ צו דיין אויער, דו אידיאָט,
איך האָב פאַר דיר אַ גרויסען סוד,
ווער דיין משיח, ווער דיין גאָט . . .
מיט מיר פאַראייניגט
ביזטו געבענשט,
איך האָב קראַפט,
דו האָסט פאַרשטאַנד,
לאָמיר געהן האַנד אין האַנד . . .
גיב צוויי שעה אַרבייט יעדען טאָג
און מיר אַביסעל אויל
וועט מענש דיר זיין גוט און וואויל.

★ ★ ★

דאָס געזאַנג פון ווינט גאָט

(אַ פאָלקס־געזאַנג פון די אינדיאַנער וואָס האָבען
(אַמאָל באַוואוינט מעקסיקאָ)

העי, ווינט־גאָט,
וואָס אייביג ציהסט,
וועג־ווייזער דו,
וואָס האַלסט זיך
אין איין טראָגען,
וואָס געהסט פאָראויס
דעם רעגען־גאָט,
און וואָס וואשט די
וועגען פון׳ם הימעל ריין.
העי ! מייסטער פון די געטער,
וואָס רופסט מיט אַ שופר,
וואָס געמאַכט איז
פון ים־שוים
און פון אויסטער־שעלס
וואָס אויסגעשפיגען
האָט דער בייזער ים,
העי, דו, וואָס בלאָזט מיט גבורה,
און טרייבסט דעם שטויב
צו טאנצען אויף דיין וועג
בעת דו דונערסט מיט געלעכטער
איבער די הימלען,
און דו טראָגסט זיך,
און דו יאָגסט זיך,
און דו שרייסט,
און דו שרעקסט,
דו צייגסט דיין מאַכט
און מיט ווילדער ליידענשאַפט
מאַכסטו פון טאָג נאַכט.

★ ★ ★

דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד

פון רעבעקא העניםאן

(פריי נאָכן ענגלישען)

עס איז א הייליג גליק צו זיין
אזוי נאָהענט צו די מקומות,
וואָס הייליג זיי האָט גאָט געמאכט.
עס איז א טרייסט א היילענדע,
צו טרעטען אויף די וועגען
וואָס זיי בעריהרט די אבות האָבען
און טרוימען פון ישראל'ס פרייהייט.
אָ, מוטער מיינע, פול מיט צער,
וואָס וויינסטו נאָך אַלץ
איבער דיין גליק וואָס איז לאַנג פארשוואונדען שוין.
א וואך אן איינזאמע אין אבל קליידער
שטעהט ביי דיר, פערצווייפעלטע,
הארץ געבראָכענע מוטער מיינע,
אָהן א שטראַהל פון האָפענונג
וואָס זאָל טרייסטען דיר אין דיין צער
און היילען דיין יסורים ברוסט.
געבויגען אונטער דער לאַסט פון שאַנדע,
ענטעהרט, דערשלאָגען, אונטערדריקט,
דיין מאכט און מאיעסטעטישער נאָמען
איז איצט שפּאָט און שפּאָס.
ענטעהרט! ירושלים! ?
ווי קאָן א איד גאָר אזא וואָרט
פון זיינע ליפּען לאָזען פאַלען ?
כאָטש געפאַלען איז דיין שטערען,
כאָטש אין דיינע ווענט די הייליגע
הערט מען ניט מעהר די תפילות די טרי[illegible]ן,
בלייבסטו אונגליקליכע מוטער, טייערע
ליעב יעדע טרייע הארץ פון דיינע קי[illegible]ער.

רעבעקא העניםאן, איז געבוירען געוואָרען אין פילאַדעלפיא, דעם 8טען סעפטעמבער, 1812. איהר מוטער איז געווען א קריסטין, געגען דעם ווילען פון איהר פאַמיליע האָט זי אָנגענומען די אי-דישע אמונה.

דער וועג צו דעם גרויסען גייסט וואקאָנדא

(אַ לעגענדע פון די אָמאהא אינדיאַנער)

דער וועג פון וואקאָנדא
איז דער וועג פון ווינט,
וואָס טראָגט זיך מיט געזאַנג
פון איין שטערן צו דעם צווייטען.
ווער עס וויל געפינען וואקאָנדא
און דאָס לאַנד וואו ער פאַרשווינדט,
מוז לאָזען זיך אין גיעג
נאָכ'ן מערב ווינט—
זיכער וועט ער דערגרייכען וואקאָנדא
און דאָס לאַנד פון העכסטען גליק.
לאַנג, לאַנג, איז דער וועג צו וואקאָנדא,
אָבער דער סוף פון וועג איז אַזוי זיס.
צו די פים פון אונזערע טויטע
בינדען מיר אָן די וואַנדער שיכלאַך,
וואָס גיט זיי כשוף־כח שנעל צו ציהען,
מיר ווייסען אַז זיי וועלען זיך ניט לאָזען
נאָך די וואָלקען, לבנה און שטערן,
נאָר גלייך זיך איילען צו וואקאָנדא
און דאָס לאַנד וואו עס לעבען
די ליבסטע וואָס זיינען פריהער אהין אוועק.

★ ★ ★

געוויסען . . .

אויב דיין געוויסען
שמייסט דיך ניט
מיט זיין פייערדיגער ריט,
ווען דו, מיין קינד,
טראַכסט פון באַגעהן שווארצע זינד,
עס העלפט דיר דאַן
קיין גאָט און קיין תורה ניט,
דו ביסט אַ גליד מיין קינד,
פון אשמדאי'ס געזינד.

דער מבול

אן אינדישע לעגענדע

און דער הייליגער מענו האָט ארויסגעצויגעגען זיין נעץ פון טייך און אין איהר געפונען אַ קליין פישעל.

—האָב רחמנות הייליגער מאַן און וואַרף מיך צוריק אין טייך—האָט דאָס פישעלע זיך געבעטען. דער הייליגער מאַן האָט רחמנות געהאט און האָט דאָס פישעלע צוריק אריינגעוואָרפען אין טייך.

—מענו—האָט דאָס פישעלע גערעדט צו דעם הייליגען—עס וועט קומען א מבול אויף דער ערד, אָבער איך וועל דיר ראַטעווען. מאַך זיך אַ שיף, נעהם אריין אין איהר דיינע ליבע חיות און שפייז. און ווען דער מבול וועט קומען וועל איך ווידער ערשיינען און דיך ראַטעווען פון אונטערגאנג.

דאָס פישעלע, וועלכע איז שוין ביז דאַן אויסגעוואקסען צו א ריזיגער וואָל-פיש איז ווידער געקומען צום הייליגען מענו.

—בינד אָן אַ שטארקען שטריק צו דיין שיף און דעם צווייטען עק בינד אַרום דעם האָרן וואָס איך האָב אויף מיין קאָפּ—האָט דער פיש בעפוילען. מענו האָט געפאָלגט און דער פיש האָט מענוס שיף גענומען טראָגען איבער דעם קאָכיגען ים ביז ער האָט די שיף צוגעפיהרט צו אַ הויכען בארג. דאָרט האָט מענו גערוהט ביז דער מבול איז געווען פאַראיבער.

★ ★ ★

מיין קינד . .

ס'האט א שרעקענס גייסט
פון טויט געשיקט,
דורך דער נאכט געשוועבט,
און מיין בלום געפליקט,
אין ווייס געוואנד זי איינגעהילט,
מיט שוואַרצען טוך באַדעקט,
אַן ארון פון פליגעל זיינעם
איהר געמעאכט,
און איז מיט איהר אוועק . . .

אַן אינדיאנער געבעט

אָ, מאמע ערד, אָ, פּאָטער הימעל,
אייערע קינדער זיינען מיר,
מיט געבויגענע קעפּ לייגען מיר פאר אייך
די מתנות וואָס איהר באַגעהרט.
וועבט־אויס אונז קליידער פון הערליכען גלאַנץ,
זאָלען די פעדים זיין פון פריהמאָרגען זילבער
און פון רויטען אווענט-ליכט,
און די ראַנדען זאָלען זיין ווי דער אייביגער רעגענבויגען,
און די פּראַנזען ווי דער פאלענדער רעגען.
אזוי זאָלט איהר פאר אונז וועבען קליידער פון הערליכען גלאַנץ,
אז מיר זאָלען וואַנדערען וואו די פייגעל זינגען,
און וואו דאָס גראָז איז גרין.
דאָס איז דאָס געבעט, מאמע ערד און פּאָטער הימעל, פון
אייערע קינדער.

★ ★ ★

ליעבע

(א פאָלקס־געזאַנג פון קורדיסטאַן)

אזוי ווי דו האָסט מיך ליעב,
און איך דיך אודאי,
און ליעבע איז דאָך א חיות,
וועל איך שניידען גראָז
און דו וועסט פארקויפען עס
פאר די חיות.
דו האָסט דאָך מיך ליעב,
און איך דיך אודאי,
וועלען מיר בויען א געצעלט,
איך וועל טרויבען פלאַנצען
און דו וועסט זיי פארקויפען
צו דער וועלט.

די געשיכטע פון דער מענשהייט

די געשיכטע פון דער מענשהייט
איז א געשיכטע פון קאמפען.
קלאסען קאמפען,
ראסען קאמפען,
קאמפען צווישען נאציעס,
צווישען פעלקער,
גרופען, פארטייען,
ריכטונגען, קליקעס,
געשלעכטער, אינטערעסען,
צווישען דעם יחיד און כלל,
צווישען כלל און יחיד,
קאמפען צווישען רעליגיעס,
אידעאלען, געדאנקען,
אלטע און נייע אמת'ן.
די געשיכטע פון דער מענשהייט
איז א געשיכטע פון
מלחמות, מחלוקת, רייסערייען,
ברוטאלע, אוממענשליכע,
און איבערמענשליכע . . .
איבער אלע קאמפען,
איז דער קאמף צווישען
מענש און חיה . . .

★ ★ ★

פארוואָס ?

נעכטען, ווען איך בין געווען פארנומען
מיט רעיונות און מיט תפלות,
איז מיין „איך" אוועק
זיך אונטערהאלטען מיט „שוועסטער" לילית.
ס'איז באלד פאראיבער שוין די נאכט
און איך זיץ נאך אליין און טראכט,
פארוואָס בין איך
אזוי פארשידען פון מיין „איך . . ." ?

פריהלינג

פליהען מחנות ווייסע־פייגעל
פון זומער־גאָט געשיקט,
זיי טראָגן בשורת טרייסטענדע
אויף שטיקער הימעלס־פּארמעט
אָפּגעדרוקט.
ציהען פריי, יונגע ווינטען,
שפּרינגען, טאַנצען,
זינגען געזאַנגען
פון בלומען, בלעטער און פון זאַנגען.

★ ★ ★

הארבסט

בייזע ווינטען, טרייבען מחנות וואָלקען,
געפאַנגענע אין די וויסטע וועלטען,
און די ווינטען, שרייען, שמייסען
און זיי שעלטען.
און די וואָלקען, מיד, פארצווייפעלט,
מיט ימים טרעהרען אין די ברוסטען,
באוויינע שטיל זייער לעבענס־גורל
או זיי דערטרינקען פרייד און לוסטען.

★ ★ ★

גליק און אונגליק

האלט א מענש א בעכער פול מיט לעבענס־גליק,
שטראַלט שמחה אַרוים פון זיין יעדען בליק.
האַלט אַ מענש אַ בעכער פול מיט לעבענס־גיפט,
פאַלט אַ טרעהר פון זיין אויג, באַגלייטעט מיט אַ זיפץ.
גיסט דער שיקזאל פון זיין קרוג
אַ טראָפּען גיפט אין דעם בעכער פול מיט גליק,
און גיסט אַ טראָפען גליק אין דעם בעכער פול מיט גיפט,
וויינט דער מענש וואָס האלט דעם בעכער פול מיט לעבענס־גליק,
שטראהלט דאָס אויג פון מענש וואָס האלט דעם בעכער פול
מיט לעבענס־גיפט.

דער צדיק און די ווערים

ערגעץ וואו אויף גאָטס ערד האָט געלעבט א הייליגער מענטש, א גרויסער צדיק. זיינע מיטמענטשען האָבען איהם פאַר א ל״ו־ניק געהאַלטען. און ווי אַלע עהרליכע, הייליגע מענ־שען, האָט ער אין אָרימקייט און דחקות געלעבט. ער האָט זיין גאַנצען לעבען געהונגערט און געליטען, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט אויף מענטשען און ניט אויף גאָט באַקלאָגט. שטענדיג איז א זונענדיגער טרייסטענדער שמייכעל אויף זיינע ליפען געלעגען, און הייליגע שירה האָט זיין פרום הארץ גע־זונגען, און א ברכה האָט ער שטענדיג פאַר אַלע גאָט׳ס באַ־שעפענישען געהאַט.

בייטאָג האָט ער זיינע מיטמענטשען געדינט, ביינאַכט האָט ער גאָט׳ס תורה געלערנט. מיט׳ן פייער פון זיין גרויסער נשמה האָט ער די מענטשליכע נשמות געוואַרימט, און מיט ליכט פון זיין גייסט האָט די פינסטערניש פון לעבען באַלויכטען.

און ווען דער בורא האָט באַשלאָסען דאָס גרויסע ליכט פון דער ערד צוריק אין הימלען צונעהמען, איז פינסטער אויף דער ערד געוואָרען. און די מענשען האָבען לאַנג געוויינט און אין טרויער זיך געהילט וואָס דער לייכטענדער שטערען איז פערלאָשען געוואָרען.

ווען די גרויסע נשמה האָט צו די הימלען געשוועבט, האָבען אַלע מלאכים ביי די טויערען געוואַרט דער גרויסער נשמה „ברוך הבא״ צו זאגען.

און די גרויסע נשמה איז פאַר׳ן בורא געשטאַנען און זי האָט דאָס ליכט פון דער שכינה נאָך ליכטיגער געמאַכט . . .

—און דער בורא האָט צו דער נשמה גערעדט און ער האָט אזוי געזאָגט:

גרויסע נשמה, פאַראייביגט האָסטו דיין זיין און הער־ליך געמאַכט אונזער שעפּפונג מיט דיינע מעשים טובים. ווען אַלע מענשען פון דער וועלט וואָלטען רשעים געווען און דו וואָלסט דער איינציגער צדיק געווען, וואָלט די וועלט שוין אויך א קיום געהאַט אין דיין זכות. דו וועסט אין מזרח וואַנט פון גן עדן מיט די ליכטיגע גייסטער פונ׳ם מענשליכען מין

זיצען. דו ביזט איינער פון די ווינציגע מענשליכע שטערן, אויף וועלכע עס איז קיין שום פלעקעלע ניט פאראן. — אזוי האט דער הערישער פון אלע וועלטער גערעדט און ער האט געהייסען די נשמה אין גן עדן פיהרען. פלוצלונג איז דער שטן פון גיהנם אויסגעשפרונגען און ער האט זיך צולאכט.

— וואס ווילסטו, שטן? — האט דער בורא געפרעגט.

— א שווערע זינד איז די נשמה באגאנגען און זי דארף אין גיהנם געשיקט ווערען. — גאט און מלאכים זיינען אויפגעשפרונגען.

— פארמאך, שטן, דיין אומריין מויל, וועגען דער ליכטיגסטער פון אלע נשמות זאלסטו קיינע רשעות ניט ריידען, — האט דער בורא געשריען.

— זינד זיינען זינד ווען אפילו דער גרעסטער צדיק באגעהט זיי, — האט דער שטן געענטפערט.

— לאז הערען, שטן !—

— בעת דער שאפונג פון דער וועלט האסטו, גרויסער בורא, פארזיכערט די ווערים, אז זיי וועסטו אויך שפייזען, און דו האסט באשטימט, אז נאכן טויט זאל די מענשליכע פלייש די שפייז פאר ווערים ווערען.

— אזוי איז דאס, איך בין דער פאטער פון אלע לעבעדיגע באשעפענישען. אבער וואס האט דאס מיט דער גרויסער נשמה צו טאן? — האט דער בורא געפרעגט.

דער שטן האט א טירל געעפענט און א באנדע ווערים זיינען צום בורא'ס פיס צוגעקראכען.

— וואס איז אייער בקשה, קריכענדע ? — האט דער בורא געפרעגט.

— מיר זיינען געקומען, באשעפער אונזערער, די נשמה אנקלאגען פאר דיר.

— וואס איז אייער קלאגע — האט דער בורא געפרעגט.

— די נשמה האט אונז גענארט. קיין ברעקעל פלייש מיט זיך אין קבר ניט געבראכט . . . זיינען מיר פון הונגער געשטארבען . . .

זאג מיר מענש

אדם, אדם,
מענש פון סדום,
וואוינסט אין אָבגרונד,
לעבסט אין רוים.
שפייזט דיין גייסט
מיט רויך און שוים . . .
דיין גייסט דיך נאגט,
דיין גייסט דיך טראָגט,
אין ווייטע וועלטען
דיך פעריאָגט . . .
איבער וואָלקען אדם פליסט,
אין די הימלען אדם ציסט,
און דו פויזעסט
און דו קריכסט,
אין די לוזשעס עפעס זוכסט . . .
דראפעסט זיך
אויף וועגט און דעבער,
העבער, העבער,
קלעטערסט, קלעטערסט,
צו די געטער?
איז פאר דיר
די ערד צו קליין?
אין די הימלען
ווילסטו זיין?
ווערען אפשר גאָט אליין? . .
טראָגסטו אפשר אָפּ
גאָט זיין תורה?
זי איז פאר דיר
מעהר ניט קיין סחורה? . .
האָסט פאר געטער
מעהר קיין מורא?
ווילסט אליין

דיין שיקזאל טראָגען,
מעהר פאר זיי
זיך ניט באקלאָגען?
מעהר קיין אל חטא
זיך ניט שלאָגען?
אדם, אדם,
מענש פון סדום,
חיה פון אָפּגרונד,
גאָט פון רוים,
ווי לאנג נאָך וועסטו
בויען סדום?

★ ★ ★

די שווארצע

אָרים איז
ווי די נאכט,
זינג זי, טאנץ,
און הארציג לאכט.
איהר לייב באדעקט
מיט א צוריסען קלייד,
און איהר האַרץ
איז פול מיט פרייד.
אלטע שטעק־שיך
אויף די פיס,
איהרע תפילה לידער—
הארציג זיס.
זינגען, לאכען,
איז איהר לעבענס־ציל,
פאַר איהר איז לעבען
אַ קינדער־שפּיעל . . .

★ ★ ★

ס׳האָט א שד זיך געוועט

ס׳האָט א שד
מיטן מלך
זיך געוועט,
אז ער וועט
פון גרויל
און רציחה
מאכן אן אמונה,
און אז א פאָלק
וועט נעהמען
די אמונה
מיט התפעלות
און כונה.
מען האָט
די וועט געמאכט,
הארציג האָט
דער שד געלאכט.
עס האָט דעם אשמדאי
ניט אפגעגליקט,
עס האָט דער מלך
דעם אשמדאי באזיגט . .
ס׳האָט דער שד
פאר א משיח
זיך פראָקלאמירט.
מתנות שווארצע
ארגאניזירט,
זייערע געוויסענס
מיט מענשען בלוט
געפארבט, באצירט.
ער האָט זיי געלעהררענט
צו ליבען האס,
און האס צו ליבען,
פיהרען קריג
געגען פרייהייט,

רעכט און פרידען,
פרייהייטס קעמפער
און געגען אידען.
ער האָט קריג ערקלעהרט
גאָט און גלויבען,
מיט ווילדען רייץ
די מענשליכע נשמה
אויפגעצויגען.
אויפ'ן האקען־קרייץ.
ער האָט זיינע מחנות
ווילד מושטירט,
זיי איבער לאנד
און פעלד געפיהרט,
פאַרשפּרייט דאָס האסען,
אין די הערצער,
אין די הייזער,
אין די שטעדט,
און אין די מאסען.
עס האָט דער שד
פרייגעלאָזען
רויב און בראנד,
מיט ווילדער מאכט
יעדע קראנקע לײדענשאפט.
האָט ער באפרייט
און האָט די וועלט
מיט'ן מיטעל־אלטער
גייסט באנייט . . .
טויט זאָל זיין
ליבע און רעכט,
לעבען זאָל אלץ
וואָס ברוטאל און וואָס שלעכט.
עס האָט דער שד גענומען
דאָס שחיטה־מעסער
אין זיין האנד,
און האָט אויסגעקאָסעט

די ערעלסטע אין לאנד.
דעם יושר האָט דער
שד געשענדעט,
ביכער פון גרויסע גייסטער
האָט ער געברענט,
גובר געווען
האָט דאָס געטליך רעכט
געזיעגט האָט דער טאָג
איבער דער נאכט,
פארלוירען האָט
דער שד די וועט.

★ ★ ★

דעם בויער׳ס הענט

זיינע הענד האָבען געבויט די פיראמידן,
דעם בבל טהורעם, די כינעזישע וואנט,
זיי האבען קאנאלען געגראָבען,
פעלזען ארונטערגעריסען,
די הימעל־קראצער, די הענג־בריקען,
לופט־באהנען, און די אונטערערדישע
באהנען,
אלץ האבען הענט געשאפען.
אין יעדען פינגער פון די הענט
ליגט א כח דאס אלץ צו פארניכטען.
געדענקט, הענט וואס בויען אהן לוסט
און אָהן גענוס,
קאָנען חרוב מאַכען . . .

★ ★ ★

צוויי צייט נביאים

דורך דער לאנגער בייזער נאכט
פון אונזער ווילדער צייט,
צוויי נביאים ציהען איבער
דער בלוט-געווייקטער ערד.
איינערע קומט פון מזרח זייט,
דער צווייטער פון מערב זייט.
ביידע געהן מיט פעסטען שפאן,
איינער איז א שליח פון דער זון,
דער צווייטער א געזאנדטער פון סאטאן . . .
איינער רופט דעם מענש צו געהן פאראויס,
דער צווייטער לעשט ליכטער אויס . . .
איינער איז געבוירען פון דער נויט
און מיט הארץ וואס ווי די זון איז רויט,
דער צווייטער איז אהן א הארץ,
א נביא וואס זיין איז שווארץ . . .
איינער באהעפט זיך מיט'ן מענש אין גאס,
דער צווייטער פרעדיגט האס;
איינער רופט און וועקט,
דער צווייטער אויף גאט און מענש שפייט קלעק . . .
איינער לערנט דעם מענש צו טראכטען,
דער צווייטער שלעפט דעם מענש אין שאול התחתון . .
איינער וועקט אין מענש די אומרוה,
דער צווייטער וועקט אין מענש די חיה רעה.
איינער רופט צום קאמף געגען פאראזיטען,
דער צווייטער צו שחיטות אויף פרייהייטס-קעמפער
און אויף אידען . . .

★ ★ ★

דער כוח פון מוזיק . .

דער סאפּער האָט זיך געענדיגט און דער בעל הבית האָט איינגעלאַדען די געסט אין פראָנט רום הערען מוזיק. די קאָמ־פּאני פון אָוועגד איז געוועזן א פערשידענארטיגע. מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, פּערהייראטע און סינגעליט, אינטע־ליגענטען, אַלרייטניקעס, ריעל־עסטייט לייט, אינשורענס אגענ־טען און סיילס ליידים.

דער פראָנט רום איז געווען דונקעל בעלייכטעט פון א גרוי־סען עלעקטרישען שטעה לאָמפּ, וועלכער האָט געוואָרפען רויט דונקעלע שאָטענס איבער דעם גאנצען צימער און האָט גע־שאַפען א פּאָעטיש מיסטישע אטמאָספערע.

— „טרוימעריי" פון מענדעלסאָן, געשפּילט פון דעם גרויסען טשעליסט האנס קינדלער, האָט דער בעל הבית פון הויז אנאנסירט. אַלע זיינען שטיל געוואָרען.

—מענדעלסאָנס „טרוימעריי" — האָט דער בעל הבית פּאַרטגעזעצט ארויפשטעלענדיג דעם רעקאָרד אויפ'ן פּאָנאָגראף, איז א הערליכע פּאָעמע געוועבט פון קלאַנגען, דאָס איז א נשמה'דיגער חלום געשפּינט פון טענער. „טרוימעריי" רייסט אַרויס דעם מענש פון דער וואָכעדיגקייט פון לעבען און טראָגט איהם אוועק אין הערליכע וועלטען. דער גרעסטער פּראָזייאיקער מוז אָנפאנגען טרוימען אונטער דער ווירקונג פון מענדעלסאָנס „טרוימערייען." דער פאנאגראף האָט אָנגעפאנגען שפּילען און די געסט צו טרוימען . . .

א מיטעל יאָהריגער מענש, אַן אייגענטימער פון א ריעל־עסטייט אָפיס, האָט געטרוימט אַז ער זיצט ביים טיש מיט דער קאָמפּאני און שפּילט אַן אָפען פּויקער אָהן לימיט. ער האָט ווידער געטרוימט ווי ביי איהם ליגען צוויי אָפענע אייסעס און איינע א פערמאַכטע און ביי די אַנדערע ליגען פּאָרלאך און ווי ער רעיזט די גיים און די אַנדערע ענטפערען און שליסליך נעהמט ער אוים דעם פּאָט פון פופציג דאלאר . . .

א יונגליידי, אַן אָנגעשטעלטע אין א דעפּארטמענט סטאָר,

וועלכע איז געזעסען אויף דער ערד די הענד פארגראָבען אין איהר קאָפּ געדיכטע האָר האָט געטרוימט אז איהר בעל הבית קראנקע ווייב איז שוין געשטאָרבען, דער בעל הבית האָט מיט איהר חתונה געהאט און זי איז געוואָרען די בעל הבית׳טע פון דעם דעפּארטמענט סטאָר, און זי רעכענט זיך אָפּ מיט דער פּאָרליידי, וועלכע דערגעהט איהר די יאָהרען.

א יונגער אינשורענס איידזשענט האָט געטרוימט אז ער האָט געקראָגען א הונדערט טויזענט דאלאר פּאליסי און אז ער איז פון דער קאָמפּאני אפּויינטעט געוואָרען אלס מענעדזשער מיט א סאלערי פון א הונדערט און פופציג דאלאר א וואָך . . .

אַן עלטערער יונגערמאן, א בעטשלאָר מיט קברות בלעטלאך אויפ׳ן קאָפּ, האָט געטרוימט אז די שערס פון דער מעקסיקאָ אויל קאמפּאני, האָבען זיך א הויב געטאָן אויף פופצען פּאָינטס און ער האָט אין איין אויגענבליק געמאכט פינף טויזענד דאלאר.

א יונגע פרוי, די ווייב פון אַן עלטערען אָלרייטניק האָט געטרוימט אז א טריין איז אריין אין איהר מאנס אויטאָמאָביל און ער איז דער׳הרג׳עט געוואָרען . . .

א יונגערמאן, וועלכער האָט ניט לאנג צוריק געהייראט האָט געטרוימט אז עס איז געוואָרען ביזי אין זיין טרייד און אז זיין שאפּ האָט ווידער אָנגעפאנגען ארבייטען . . .

דער בעל הבית יונגע ווייבעל איז געזעסען אין א האלב ליגענדע פּאָזע און געטרוימט פון א יונגענמאן, וועלכער איז צו דער פּארטיי ניט געקומען . . .

דער רעקאָרד האָט זיך געענדיגט. די זיסע טענער פון מענדעלסאָנ׳ס „טרוימעריי״ זיינען פערשוואונדען און דער גאנצער עולם האָט הארציג אפּלאָדירט . . .

★ ★ ★

קין און הבל

הו־הא, ווירוואר, א קאשמאר,
און די שטאָדט
יאגט און דרעהט זיך
ווי א ראָד.
א געדרענג, א געראנגעל
א געשטופּ און א געדריק,
קין און הבל פיהרען א קריעג . . .
ס'איז א קאמף
פאר'ן שטיק ברויט,
ס'איז א קאמף אויף לעבען
און אויף טויט . . .
איך אדער דו,
קיין פלאן פארביידען
איז ניטאָ . . .
און אויף דער ערד
פעהלען, דאכט זיך,
מענשען אוים . . .
פול מיט אלץ איז
שפייכלער, סקלאד,
גענוג פאר יעדען
צו זיין זאט.
אבער מיינס איז מיינס,
און דיינס איז מיינס,
די גאנצע וועלט
מוז מיינע זיין,
ניטא קיין פלאץ
פאר הבל'ס זיין . . .
צווישען מענש און מענש
א טיעפער תהום,
עס הערשט די מאראל
פון אלטען סדום . . .
קין האָט נאך ניט געזאגט
זיין לעצט וואָרט ,

קין לעבט נאך אלץ
פון ברודער־מאָרד . . .
אדם האָט וואונדער גרויסע,
אויסגעקלעהרט —
און אויסגטראכט,
פאר גאטס גלייכען זיך געמאכט,
די געטער קראפט,
האָט אדם שוין פאר זיך פארכאפט,
ער האָט אראפגעריסען
ריזען־בערג,
ער האָט געשאפען
וואונדער־ווערק,
נאר וואס קומט ארויס
פון זיין גרויס,
געבליבען איז ער קליין,
און געמיין . . .

פון די בבל־טהורעמס,
די הימעל־קראצער,
די סיני בערג
פון שטאהל און שטיין
וועט א משח א נייער ארונטערגעהן,
ברענגען וועט ער
נייע לוחות,
א תורה א נייע וועט ער געבען,
א תורה פארן מענש און לעבען.
דאן וועט מערדער, שקלאף, אידיאָט,
זיך דערהויבן ביז צו גאט . . .
די אלטע וועלט וועט זיך פארצעהרען
א נייע וועלט וועט קעבוירען ווערען

★ ★ ★

דער זון־מאן און זיין לבנה־ווייב

אן אינדיאנער לעגענדע

דאָרט ווייט, ווייט וואו די פּריירי ענדיגט זיך שטעהט א גרין גאָלד־געלבליכער געצעלט, דאָרט וואוינט דערע גאָלדענער זון־מאן מיט זיין ליבליכער סקוואו (ווייב), די צאַרטע, שיינענדע לבנה מיט איהרע זילבערנע קליידער.

יעדען פארטאָג פּאַרלאָזט דען זון מאַן זיין געצעלט און קלעטערט ארויף אויפ׳ן הימעל, באאגריסט די גרינע ערד מיט זיין גאָלדענע ליכט, און רופט די יעגער אויף געיעג. אָבער ווען דער אווענד לאָזט זיך אַרונטער איבער דער פּריירי דאַן קלעטערט דעם זון מאנ׳ס סקווא אויפ׳ן הימעל אַרויף, און טרייבט די יעגער אַהיים אין זייערע געצעלטען. איינמאָל האָט דעם זון־מאן שטארק פּערדראָסען וואָס זיין זילבערנע סקוואָ פּארטרייבט די יעגער אַהיים.

—זאָלסט מעהר מיינע יעגער פון דער פּריירי ניט פארטרייבען,—האָט מיט כעס דער זון־מאן זיין לבנה סקוואָ בעפוילען.

די זילבערנע סקוואָ האָט זיך אָבער ניט דערשראָקען און זי האָט גוטמוטיג איהם געענטפערט:

—טרייב דו ניט אוועק מיינע זילבערנע שטערען פון הימעל ווען די נאכט רופט די רויטע קינדער פון גרויסען גייסט צו רוהען. ליכט ניט יעדען מאָרגען און וועק ניט די רויטע קינדער אויף.

דער גאָלדענער זון־מאן איז נאָך מעהר אין כעס געוואָרען און זיין זילבערנע סקוואָ געוואָרפען זיין ברענענדע קלייד אין פּנים.

—הער דו אונגעהארכזאמע לבנה־סקוואָ, איך וועל יעדען פריהמאָרגען ארויפקלעטערען אויפ׳ן הימעל און די פּריירי פּאַרגיסען מיט ליכט און וועקען די רויטע קינדער פון גרויסען גייסט צו געהן אויף געיעג.

און דעם זון־מאנ׳ס פרוי, די לבנה, האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און זי האָט מיט געלעכטער ערקלעהרט:

—וואו דו וועסט געהן, זון-מאן, וועל איך געהן. איך וועל דיר נאָכפאָלגען אויפ׳ן באשטערענטען הימעלס־וועג. און אזוי לאנג ווי דו וועסט יעדען פריהמאָרגען וועקען און רופען די רויטע קינדער פון גרויסען גייסט אויף געיעג, וועל איך יעדען אווענד זיי רופען א היים צו רוהען.

און יעדען פריהמאָרגען קלעטערט דער גאָלדענער זון־מאן ארויף אויפ׳ן הימעל און ער באגיסט די גרינע פריירי מיט ליכט און וועקט און רופט די רויטע קינדער פון גרויסען גייסט אויף געיעג. און יעדען אווענד פאָלגט איהם זיין זיל־בערנע לבנה סקוואָ נאָך אויף זיין וועג און רופט די רויטע יעגער צו רוהען, שלאָפען און טרוימען . ..

★ ★ ★

זאָגט מיר . . .

„האָט ווען א מענשענס אויג געקוקט

אין דעם סקלאָד פון דעם מאָרגען,

און געזעהן די אוצרות וואָס ליגען דאָרט פארבאָרגען?

האָט די נאָך ניט געלעבטע צייט,

שוין ווענען ווען עס איז געצייגט

די וועה און פרייד מתנות

וואָס זי האָלט פאר איהם געגרייט?

פארוואָס־זשע אזוי זיכער

מיט א נביא׳ס גייסט, נאָכט שווארצע בשורות זעעסט,

יוענען א טאָג וואָס האָט נאָך ניט זיין וואָרט געזאָגט?

★ ★ ★

דער רוף פון די בערג

דער רוף פון די בערג האָט אַ כשוף־כח: די שפּראַך פון די פעלזן איז קרעפטיק און מעלאָדיש. די געמיט־שטימונגען וואָס די בערג רופן אַרויס זיינען פאַרשידען און וואונדערבאַר. די בערג פאַנגען די נשמה, הויבען זי אַרויס פון דעם פאַר־שטיקטען שטאָט־לעבן, טראָגען זי אַוועק איבער די וואָלקענס, טובלען זי אָפּ אין אַ ים פון אילוזיעס.

איך בין פאַרליבט אין די בערג, שטאָלץ און גבורה ליגט אויסגעגאָסען אויף די שטיינערנע פּאַטריאַכען, שטום און שטיל שטייען זיי, אומבאַשעדיגט פון די צייט־שטורעמס און לעבענס-זאַווערוכעס.

מיט פאַראַכטונג קוקען זיי אין טאָל אַ־אָפּ. מיט שטאָלץ און בטחון—צום הימעל אַרויף . . . די בערג מאַכען דעם איינ־דרוק, ווי זיי וואָלטען אַטלאַסען געווען, וואָס טראָגען דעם הימעל אויף זיך . . .

האָט איהר ווען אַרויפגעקלעטערט אויף די שפּיצען פון הויכע בערג? עס איז זעהר אַן אַנשטרענגענדע אונטערנעהמונג, אָבער עס באַצאָהלט זיך . . . מען קומט צוריק אַרונטער קרעפ־טיגער, רייך אין איינדריקע און שטימונגען, מיט אַן אוצר פון זעלטענע בילדער, קאָלירען און קלאַנגען, וואָס דאָס אויג און דער אויער האָבען נאָך ניט געזעהן און געהערט.

איך שטעה אויפ'ן שפּיץ פון איינעם פון די בבל טורעמס, די ווינטען שטויסען מיך, איך גרייך איבער די וואָלקען, איך קוק אַרונטער, ווי מיניאַטור קליין אַלץ איז אין טהאָל . . . דער טהאָל שרעקט — די הויכקייט רייצט און רופט. די נשמה ווערט געפאַנגען פון די בערג — די פעלזען גייסטער ווינקען,

דאָס האַרץ ווערט יונג, נאָך ניט באַקאַנטע בענקענשאַפטן, נעמען שטורמען אין ברוסט, מען דערפילט דעם כח פון די פעלזן, שטאַרק געגנוג אָנצופאַנגען אַ מלחמה מיט די געטער פון דער הויכקייט, און מיט די טייוואָלים פון אָפגרונט . . .

אויף די בערג, שטעלט די נשמה איהר לאַגער אויף, זי צינדט העראַליכע נאַכט פייערן אָן און זינגט דאָס קרעפטיג, פרייע ליד, וואָס די גרויס שטאָדט דערשטיקט . . . די נשמה לאַכט און טאַנצט ווילדע, רייצענדע טענץ. די נשמה יובעלט און פייערט איהר באַפרייאונג פון שטאָדט און טהאַל.

שטיל איז דאָס לעבען אויף די בערג בייטאָג.

אין זכרונות פאַרטיפט, פאַרטון אין די אומצעהליגע עראינערונגען פון די פאַרשטאָרבענע יאָהרטויזענדע שטעהן די פעלזען זקנים און היטען די סודות פון דער מענשליכער פאַרגעשיכטע, וואָס זיינען פעסט פארחתמ׳עט אין זייערע שטיינערנע ברוסטען.

פאַרגעהט די זון, קומט די נאַכט, דאַן שטעהט דאס בערג לעבען תחית המתים אויף, די גאַנצע בערג־וועלט ווערט מיט גייסטער באַלעבט, מיט פאַנטאַסטישע געשטאַלטען באַפעלקערט, די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע אור־פעלקער טרעטען פון זייערע קברים אַרויס און זיי נעמען איבער די ממשלה איבער דער פעלזען וועלט . . .

די בייטאָגיגע שטילקייט איז צושטערט, טויזענדע גייסטינגע צונגען רעדען צו דער נשמה יתירה, — די מתנה פון די בערג...

אויף די פעלזען קומט דער מענש אין באַהעפטונג מיט דער שאַפונג, די בערג־גייסטער שפינען און וועבען שטימונגען אויס, און די נאַטור פאַרבט די לעבענס שעה׳ן . . .

אויף די פעלזען איז אַלץ אַנדערש ווי אין טהאַל . . . די ווייטען וויינען און לאַכען אַנדערש, די פייגעל זינגען אַנדערש, די שטערען לייכטען אַנדערש, דער פייער פון בליץ, דער קראַך פון דונער איז אויך אַנדערש, ווי אין טהאַל.

איז אַ וואונדער, וואָס די מענשליכע פאַנטאַזיע האָט די בערג און פעלזען אַלע היימען פון די געטער באַשטימט?

אויפ'ן סיני בארג האָט א גאָט א תורה געגעבען, דער אָלימפּוס בארג איז דער שפּיעל־פּלאַץ פון געטער געווען . . . אויף איינעם פון די קאווקאזער בערג איז דער האַלב־גאָט פּראָ־מעטעאוס געלעגען אין קייטען געבונדען און א פויגעל האָט זיין האַרץ געפּיקט, — די שטראָף פאַר רויבען דאָס פייער און ליכט פון די געטער און עס צו די מענשען אין טהאָל ארונ־טערגעוואָרפען.

„דער מענש זאָל אין טהאָל ליגען. מיר ווען אויף די בערג און פעלזען וואוינען."—אזוי האָבען די געטער, זייער געזעץ אויף אייביג פּראָקלאמירט.

און איך, א קינד פון טהאָל, א זוהן פון מענש, וואנדער פריי איבער די היימען פון די געטער, גליקליך פון דעם געדאנק, וואָס דער מענש שטייגט אויף די פעלזען, און וואָס זיין גייסט ציהט אַלץ העכער און העכער . . .

★ ★ ★

אדם א מענש . . .

(אַ סצענע אין הימעל)

גאָט: שטן, קומסט דאָך פון דער ערד,
זאָג, וואָס טוט מיין אדם דאָרט?
שוין לאַנג ניט פון איהם געהערט.
שטן: דיין אדם? יאָ, אויף זיין פּעל א מענשען הויט
זיך אָנגעצויגען האָט,
און געשפּילט די ראָל האָט ער
פון אַ מלאך, וואָס האַלט ביים ווערען שוין אַ גאָט.
נו, איז אַן אומגליק מיט איהם געשעהן,
ס'האָט די הויט זיך אָפּגעריבען
און מען האָט זיין פּעל דערזעהן . . .

איך זינג דאָס ליד פון די דורות

איך זינג דאָס ליד פון די דורות, אַלע דורות
פון די דורות פון נעכטען, היינט און מאָרגען . . .
מיין ליד פון אַלע צייטען איז אויסגעשפּינט פון די לידער
די געזונגענע און נאָך ניט געזונגענע.
אין מיין ליד טראָגט זיך די פרייד, דער קרעכץ,
די אגאניע, דער מזל טוב, או דער ברוך דין אמת
פון אַלע צייטען און און אַלע פעלקער.
אין מיין ליד פון די דורות טראָגען זיך די טענץ פון די דורות,
די טעות'ן, די טענות, די פּראָטעסטען, די וויזיאָנען,
די חלומות, די בענקענישען און טראַכטונגען פון היינט און
פון נעכטען,
מיין צייט־ליד פון אַלע צייטען איז אויסגעשפּינט פון די לידער
פון אַלע צייטען:
פון שיר השירים, קהלת, אז ישיר, איכה און מן המיצר . . .
אין מיין ליד טאַנצען, זינגען, קאָכען, זידען, שרייען און ליארמען
די בלוטען און די לײדענשאַפטען פון אַלע פעלקער און ראַסען,
אין מיין ליד זינגט דאָס ניט אויסגעזונגענע ליד,
די טויטע און פאַרגעסענע לידער פון די ניט אנערקענטע און
פאַרגעסענע זינגער.
מיין ליד איז דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען, וואָס אַלע קנעכט פון
אַלע צייטען האָבען געזונגען.
מיין ליד איז דאָס ליד פון פויער און בויער.
פון די פּיראַמידען בויער, פון פּתום ורעמסס, די בבל־טהורעם
בויער
די בויער פון טונעלען, בריקען און הימעל קראַצער.

איך זינג דאָס ליד פון די מצרים־קנעכט און פון די
ספּאַרטאַקוס שקלאַפען,
איך זינג דאָס ליד פון די וועלט-גריבלער פון אַלע צייטען.
פון די וואָס האָבען זייערע אויגען אויסגעוויינט
ביים ספינקס פון לעבען, זיי דעם סוד פון אַלע סודות צו
ענטדעקען . . .
איך זינג פון די וואָס האָבען דעם מאָרגען אין דעם היינט
געשלעפּט,

און דעם היינט אין דעם נעכטען געטריבען . . .
איך זינג פאַר די פּאַהנען און פאַקעל־טרעגער, פאַר די לאַמפּען־צינדער,
די לאַדען אויפרייסער, די וועקער, די שומרים, די וואַכענדע און טראַכטענדע . . .
די וואָס האָבען זייערע קעפּ פאַר קרוינען ניט געבויגען,
די וואָס האָבען ביי די געטער און תורה׳ס קשיות געפרעגט,
און ביי די הערשער דין וחשבון געפאָדערט.
מיין ליד איז פאַר די וואָס די צאָרנדיגע געטער האָבען אויף פעלזען הויכע
מיט קייטען געקאָוועט, און געלאָזט רויב פויגעל זייער הייליג פלייש פרעסען.
איך זינג די רעבעלען וואָס זיינען אויף די עשאַפּטען געגאַנגען,
אויף שייטערהויפען געברענט, אין חדם געלייגט געוואָרען,
אויף די תליות און קרייצן געהאַנגען,
אויף די בריקאַדען געפאַלען.
פאַר די וואָס האָבען זייערע לעבענס אין די באַסטיליעס, אין די קאַזאַמאַטען,
אין די סיבירישע מינען, אויף די טיפעלס אינזלען
און אין די סט. קווינטאַן פּריזאָנס אויסגעלעבט.
אין מיין ליד טראָגט זיך דער זיפץ פון די געפּייניגטע,
דאָס סוויסטשען פון די נאַגייקעס, דער באַדריקטער צאָרן פון די געדריקטע,
מיין ליד פון די דורות איז די נביאים די גרויסע, די טרוימער, די זינגער,
די וויזיאָנערען, די אוטאָפּיסטען פון אַלע צייטען, געווידמעט.
אויך די פאָרשער און גריבלער וואָס האָבען אמת׳ען נייע געזוכט,
און אמת׳ן נייע פאַרקינדיגט,
די וואָס האָבען אויף נאָך ניט געטראָטענע וועגען געטראָטען,
אויף נאָך ניט אויסגעפאָרשטע ימים זיך געלאָזט.
און די וואָס האָבען אידעען פאַרלאַכטע שטאָלץ אין דער יועלט געטראָגען.

איך זינג פאַר די וואָס די גנזעלשאַפט האָט אלס אויסוואַרפען
פארטריבען,
ווייל זיי האָבען איהר דעם שפּיגעל פאַר די אויגען געשטעלט . . .
מיט מיין צייט־ליד פון אַלע צייטען וויל איך דעם פייער פון
פראָטעסט אָנצינדען,
וויל איך גלויבענס־אויל אין דעם האַלב־פאַרלאָשענעם נר
תמיד גיסען,

★ ★ ★

דאָס געבורט פון דער שעהנהייטס געטין

פון דזשאָזעפין קאָוק

(פריי נאָכן ענגלישען)

רעדט גאָט מיט דונערען,—מיט בליצען־ריטער שמייסט דעם ים.
וואַרפט דער ים זיך אין יסורים, לויפט ער שרייענדיג צום ברעג,
שלאָגט זיך זיין קאָפּ אָן די פעלזען, — וואַרפט ער אין אָפּגרונט
זיך אראָפּ.
לויפען ווילד די יונגע כוואַליעס אין די פעלזען־הייליען,
און יאָגען מיט שרעק זיך צוריק אין ים אַריין . . .
עס דרעהט דער ים זיך אין קאנוואולסען,—רייסט דאָס לייב
פון זיך,
וואַרפט ער פיש און אויסטער שערבלאַך צו די פעלזען.
די כוואַליעס באַציערט מיט אָבגרונט גראָזען,
וואָס קוקען אוים ווי האָר פון מיידלאַך יונגע וואָס טרינקען זיך,
—טאַנצען אַ שדים־טאַנץ אויפ׳ן ברוסט פון ים,
און דער ים וואַרפט זיך אין אגאָניע . . .
האָט אַ בליין דאָס לייב פון ים אויף צוויי צושניטען,
און ערשינען איז אַ פיגור אַ ווייבליכע ,אַ געטליכע, אַ נאַקעטע,
וויים ווי דער שוים וואָס וועבט אַ זילבער־קלייד פאַר איהר . . .

ס׳האָט דער שטורעם אויפגעהערט,
די וואָלקען ציהען מיט דרך־ארץ אָפּ,
די לבנה מיט אַ שמייכעל פון אַ מאַמע, אַ גליקליכע,
צווישען די שטערען שוועבט, קוקט אַרונטער אויפ׳ן ים,
וועלכער טראָגט אפראָדיט אויף זיין ברוסט—
דעם ים׳ס מתנה פאַר דער וועלט . . .

צו די מאראל פרעדיגער

(פריי נאָכ'ן ענגלישען)

פון **ביטריס טרי**

איהר פרעדיגט מיט מאָראל און געזעץ,
איהר בינדט מיר יעדען גליד
מיט אייער פארשימעלטען באגריף,
וועגן אומרעכט, רעכט,
וועגען גוטס און שלעכטס,
איהר דערשטיקט מיין נשמה'ס ליד,
און פילט מיין מויל מיט פוסטער תפילה אָן;
איהר שטעלט אָפּ דאָס טאנצען פון מיין הארץ,
איהר פאַרוואַנדעלט עס אין קאַלטען שטאָל, אין טויטען שיין,
ס'איז זינדיג, זאָגט איהר, גליק געניסען, פריי צו זיין,
ניין, אייער גאָט קאָן מיין גאָט ניט זיין . . .
מיינע געטער—שאַפט דער פאַרשטאַנד
מיט זיין קינסטלער-האַנד,
פון גאָלדענע זאמד, גרינע, פרישע ערד,
געפארבט מיט קאָכעדיגע בלוט,
ציהט יונגע, פרישע פלייש ארויף אויף זיי,
און לאַנגע לאָקען האָר,
דער ים, דער האָריזאנט, בלומען, ליכט און זאָמען,
די זון, די גאַס, דאָס פעלד, די וועלט,
דאָס איז דאָס בוך, דאָס הייליגע, פון מיין גאָט . . .
איך לעב מיט דער קאָלירען-רייכער מאסע;
פריי און ברעהליך בין איך,
און טהייל מיין גליק מיט די וואָס ווילען גליקליך זיין . . .
מיין ברכה איז פאַר די וואָס ליבען הייס דאָס לעבען,
און קאָנען שטארבען פאַר'ן רעכט צו לעבען . . .
איהר פרעדיגער זיצט אין דער פינסטערניש,
און איהר שיקט שוואַרצע בשורות אין דער וועלט אַרויס,
און די גרינע עלטער קריכט דורך אייער'ע שוואַרצע פומע קליידער
אין אייער הארץ אַריין . . .
„פינסטער זייט איהר, פאַלש און טויט!"
אזוי שרייט צו אייך די יוגענד און דאָס לעבען.

און איך, וואָס אין דער יוגענד גלויב,
וואָס פריי און גליקליך בין ווי אַ קינד,
שיק מיין מיטלייד אייער קליינליכקייט
און לאָז באַווײנען אייך מיינע „זינד . . .״

★ ★ ★

זון און נשמה

פריי נאָכן ענגלישען — פּראָפעסאָר אומאַקאַנט

אויף אַ פאַרלאָזטען ים,
וואָס וואַשט די זאַמד די צוברענטע,
די זון אין איינזאַמקייט פאַרגעהט,
אויף אַ פעלז פון אַ לאַנד אַ פאַרשאָלטענע.
וואָס איז מיט גייסטער פול,
שטעהט אַ נשמה אין צער געהילט,
קוקט צו דער זון אַרויף
און מיט תפילה רעדט:
אָ, זון דו מעכטיגע, זון דו אייביגע,
ווען די טויערען פון וויטען מערב
וועלען ברייט זיך עפענען פאַר דיר
און דו וועסט אַרונטערנידערען
אין דער טיפעניש וואו עס וואוינט די נאַכט,
און נשמות פון אַלע ברעגען וועלט
וועלען באַגלייטען דיך
אויף דיין וועג צום שלאָף,
מיט טריבע תפילות, מיט צאַרט געזאַנג,
און טרוימען וועלען זיי פון דיין נייעם אויפגאַנג.
וועט צווישען זיי אײן נשמה זיין
וואָס שטום וועט שטעהן,
די ליפען פעסט פאַרזיגעלט פון גרויסען צער,
וועסטו, זון, דו מעכטיגע, זון דו אייביגע, זון דו היילענדע,
הערען איהר שטום געבעט ?
און די און בלוט און גאָלד געוויקטע זון,
איינגעהילט אין כשופדיקער מיסטעריע

ציהט שטיל איבער׳ן ים פון דער וועלט אוועק,
און פון די וואָלקען־פעלזען,
די טויערען וואָס טהיילען אָפּ דעם טאָג פון דער נאַכט
טראָגט זיך ווי שמערצליך־זיסע האַרפּען טענער,
עס ענטפערט אָפּ די זון:
——„קום מיט מיר, נשמה ליידענדע,
קום אין מיין היים, ווייט דאָרט איבער די פעלזען־וואָלקען,
וואו נשמות ווייסען ניט פון וועה און צער . . .“

איבער דעם שטילען אווענד ים,
אויף די פליגעל פון א טאָג א שטאַרבענדען,
איז א זון און א נשמה יענע נאַכט פאַרגאַנגען,
אוועק אין דער וועלט וואו נשמות ווייסען ניט פון צער . . .

★ ★ ★

זי . .

דאָס ליד פון אַ גאַסן־פרוי

יונגער, פרישער, ליבער שניי,
פריש, ווייס און ריין,
ווי עס איז אמאָל געווען מיין זיין . . .
שניי, ביזט יונג, פריש און ריין,
באַלד וועסטו ווי איך באפלעקט שוין זיין . . .
ס׳איז נויט געווען.
ס׳איז ברויט געווען.
און אזוי איז עס געשעהן . . .
כ׳האָב אלס קינד פון גליק געטרוימט.
פון ריטער־העלדען.
פרינצען, רייטער,
כשוף־שלעסער,
פון א גאָלדען איי,
שליטענס, פראָסט און שניי . . .
און איצט, איך טרוים ניט מעהר,
טרוימען? ווער דארף דאָס, ווער . . .?
איך וואנדער יעדע נאַכט ,
און די נאַכט מיר שעלט און לאַכט . . .

סטאלינגראד

ס'האָט די ברוינע מאַכט
פון נידערטראַכט,
אַ פּלאַן פאַרטראַכט,
אַ תּל צו מאַכען
פון סטאַלינגראַד,
אַרויסרייסען
מיט איהר מערדער־האַנד
דאָס העלדען־האַרץ
פון סאָוועטען־לאַנד.

* * *

עס האָט אָט די מאַכט
פון נידערטראַכט,
לאַנג געפּלאַנט
דעם בלוטיגען שאַך־מאַט
פאַר סטאַלינגראַד,
די פעלזען־וואַנד
פון סאָוועטען־לאַנד.

* * *

ס'האָט די מאַכט
פון נידעטראַכט
ניט געקענט
דאָס העלדען־האַרץ
פון סטאַלינגראַד,
די שטאָדט פון רויטען שטערן,
וואָס קיין מאַכט
קאָן ניט צושטערן.

* * *

האָסט פאַלש גערעכענט
דו שדים־מאַכט,
באַלד וועט דיך טרעפען
דאָס נקמה־שווערד
פון סטאַלינגראַד.

דער שאך שפּיעל צווישען גערדאנק און געפיהל

ס'איז שפּעט ביינאכט.
עס זיצט געדאנק
און געפיהל,
שטארק פארטראכט
ביים שכל שפּיעל
שאך־מאט.
רוקט די האנד
פון געדאנק,
יעדע פיגור
מיט פערשטאַנד.
יעדער צוג
איז טרעפענד קלוג,
באַרעכענט קלאָהר,
און קאָסט געפיהל
אַ פיגור.
מען קאָן זעהן
אַז פאַרשפּיעלט
האָט דעם שפּיעל
דער געפיהל,
וועלכער שפּיעלט
אָהן צוועק,
אָהן ציעל.
„שאך־מאט!"
רופט אויס געדאנק
צום דריטען מאָל.
„גיב אויף די שפּיעל
פריינד געפיהל,
ווי קומסטו שפּילען
א שכל שפּיעל."
„איך, פאַרשפּיעלט?"
פרעגט געפיהל,

„האָב איך דען ווען
פאַרשפּיעלט אַ שפּיעל?
„שפּיעל, נאָר שפּיעל,
פריינד גערדאנק,
ס'איז גרויס די נאַכט"—
ערקלעהרט געפיהל
און לאַכט און לאַכט.
זיצט גערדאנק,
טראַכט און טראַכט,
אָפּגעשפּיעלט אַ גאַנצע נאַכט,
זי פאַרלירט,
און טריאומפירט,
און איך, גערדאנק, בין מאַט . . .

★ ★ ★

ווער בין איך?

איך בין דער פאָטער פון עקספּלואַטאַציע,
איך פאַראורזאַך מלחמות,
איך קאַנער די מאַרקעטס פון דער וועלט,
אויב איך ווער באַפרידיגט, באַטרייב איך
די אינדוסטריען,
אויב ניט, שטעל איך אָפּ ארבייט און האנדעל,
דער גאָט פון מלחמה שטעהט מיר צו דינסט,
די ארמייען און די פּאָליציי באַשיצען מיך,
איך דיקטיר געזעצען פאַר די לענדער,
איך באַשטים דעם לעבענס אופן פון די
באַשאַפער,
איך בין דער גאָט פון די הערשער פון
דער וועלט, —
איך בין פּראָפיט!

ליבע און קאמף
(פריי נאָכן ענגלישען)
פון **אדא מענקין**

ליבע! מעכטיגער אויסגלייכער! דו, וואָס צוזאמען ברענגסט
דעם פאסטוך שטעקען און דעם קעניג'ס סצעפטער,
דו, וועמעס האַנט נעהמט דעם טומאן פון די פעלזען,
און גיט לעבענס־כח און רויטע יונגע ראזען דעם נייעם טאָג.

ליבע, הערשער מעכטיגער! האָסט א שפיז א בלישטשענדע
אין מיין האַנט געלעגט,
געטער שטאַרק איז מיין שוואכער אָרעם איצט,
די שפיז וואס אין מיין האַנט איצט ליגט
איז שוואכע צו באַשיצען, באפרייען די געדריקטע.
מלחמה האַלטען פאַר די שטערן ! . . .

אין קרינס־פאַנצער האָט די ליבע מיין לייב געקליידט
און געוועהלט מיך, פאַר'ן הויפטלינג פונ'ם הימעל'ס
קריגער מחנות . . .
אָ, ליבע געטליכע, דיין שטים האָט מיין נשמה די האַלב
פאַרשטאָרבענע באַלעבט,
און פאַר א נביא, זינגער און קריגער זי געמאַכט . . .
אָ, ליבע געטליכע,, דו גיסט ליכט און גלויבען אין דעם
תפיסה לעבען פון דער ערד . . .
ס'האָט דער צאָרנדיגער שיקזאַל מיך איינמאַל שוין געקאָוועט
צו די פייכטע תפיסה־ווענט
און דו האָסט רויזען רויטע, פרישע מיר געבראַכט,
און די גרויע תפיסה־ווענט האָסטו באהאנגען מיט גאָלדענע
גארדינען,
אויסגעוועבט פון די שטראהלען פון דער מאָרגען זון,
און קליידער בלויע האָסטו מיר געבראַכט
אויסגעשפינט פון שטערן־שטראהלען און לבנה־ליכט,
און ווען די נאַכט האָט איהרע שוואַרצ'ע פליגעל איבער דער
וועלט געשפרייט,
האָסטו די טויערען פון די וואָלקען ברייט געעפענט
און פאַרשלעפערט מיך אין די אָרימס פון די שטערען,

און נאַכט פאַר נאַכט האָסטו געזונגען מיר דאָס ליעד פון
טרוימען און פון גלויבען . . .
ביינעשטאנען ביזטו תמיד אַלע פרייע גייסטער,
צו אַלע ריטער וואָס האָבען געוואַגט געגען שטן און זיין חיל
זייער שטים צו הויבען און שווערד צו ציהען . . .

זעהט, די געמיינע און די מעכטיגע פון אָפּגרונד
אַ בונד געשלאָסען האָבען ווידער געגען אונז, די שטערען.
ס'איז שטיל נאָך, אָבער יעדער טראָגט זיין שווערד אין גארטעל,
זיי וואכען אין געהיים אויף די בערג,
און ביינאכט צעהלען זיי די מחנות פון די הימלען . . .
עס בילען זייערע יועכטער־הינט מיט אומגעדולד
ווען נאָר מיר, די הימעלס שומרים, באַווייזען זיך,
פאַר אונזער וועכטער־דיענסט איבער דער נאַכט.

צוריק, איהר שטערן שונאים, אין אייערע פאַרברעכער
געצעלטען!
טרעט אָפּ פון די גרינע ברוסטען פון די בערג,
די געצעהלטען וואו מיר רוהען און מיר טרוימען . . .
אָט זעהט, דער הויפּטלינג פון די שווארצע קריגער מחנות
צו די פעלזען שטייגט ארויף,
ווי אן אוריגאַן טראָגט ער זיך מיט זיין שוים־באדעקטען פערד,
זיין שווערד איז גרין ווי אַ האַלב אויסגעלאָשענער מעטעאָר.
זיין פּנים, אָהן אַ פאָרם, מורא'דיג ווי די לעגענדעס פון יענע
צייטען
ווען ליכט און געזאנג איז אויף דער ערד נאָך ניט געווען . . .
זיהן און טעכטער פון די שטערען, דער שונא קומט!
אייערע קריגס־פאָהנען, פאנצער, שווערדען נעהמט!
בלאָזט אייערע זילבער ווייסע קריג־טרומייטערס,
צוקלינגען זאָל זיך איבער'ן וועלט־אל אייער געשריי, „פרייהייט
פאר די שטערען!"
דונערט דעם געשריי אין די אויערען פון די שולדיגע,
די שונאים פון דער פרייהייט און דער ליבע!
שטערען, שליסט די רייהען, דער קאמף פאנגט זיך אָן!

שלאָגט זיי נידער! ביז שטויב דערשלאָגט זיי:
קעמפט, קינדער פון די הימלען, די מלאכים זיינען מיט אונז,
קעמפט שטערן־מחנות,
איהר, די געוועהלטע פון גאָט פון ליעבע און פון פרייהייט,
קעמפט, גאָט איז מיט אונז ! . . .

★ ★ ★

די שיף

(פריי נאָכן ענגלישען)

פון אדא מענקין

ווער האָט ניט א שיף אויפ'ן ים ארויסגעשיקט?
ווער האָט ניט געארבייט דורך טאָג און נאכט
צו מאכען זיין שיף שטארק פאר'ן קאמף מיט די שטורמ'ס?
יעדער האָט זיין שיף מיט זונען־שטויב פון די פעלזען אָנגעלאָדען,
מיט חלמות און פאנטאזיעס זי באצירט,
און מיט נשמות ריינע, זינגענדע, האָפענדע, גלויבענדע,
זיי פון האפען אויפ'ן שטורם־געשטימטען ים געשיקט . . .
כאטראָזען, מאטראָזען, האלט וואך ! גיט אכטונג !

זעהט די שיף וואָס איך האָב אין דער וועלט ארויסגעשיקט!
זעהט ווי שטאָלץ זי בייגט איהר מאיעסטעטישען קאָפ פאר
יעדער כוואליע וואָס באגריסט זי!
זעהט ווי זיכער און פעסט זי פאָכעט איהרע ווייסע זעגלען
געגען דער זון,
און די זון קוקט מיט קנאה אויף מיין שיף ארונטער.
זי באהאלט זיך אונטער די וואנדערענדע וואָלקען, אָבער זי
קוקט אָלץ אויף מיין שיף!...
און דער ים האָט זיך אין א מאנטעל פון צארטען בלוי באצירט.
ער האָט זיין פאָהן פון וואסער שטויב אויפגעצויגען, שטראהלען
ביי דער זון גענומען און האָט שטרייפען אין דער פאָהן
אריינגעוועבט—
אָלץ מיין שיף צו באגריסען!
אויך דער הימעל האָט זיך יום טוב'דיג באקליידט, מיט בלויע
און פייער רויטע סטענגעס זיך באצירט,

אויף די פליגעל פון די זינגענדע ווינטען שיקט דער הימעל
זיין סאלוט צו מיין שיף ! . . .
מאטראזען! מאטראזען! האלט וואך! האלט וואך!
דער ים רעוועט, צארענט, ווארפט זיינע וואסער שטיינער אויף
מיין שיף׳ן שווערען וועג . . .
דער פאררעטערישער הימעל איז נאכט־שווארץ געווארען!
די ווינטען, ווי בייזע שדים, שרייען, שמייסען מיט
רעגען־שטראמען,
און די שלאנקע מאסטען פון מיין שיף בייגען זייערע קעפ
טיעף ארונטער,
עס קרעכצט, עס ברעכט זיך, א תפילה מורמעלט ווער . . .
מיט רציחה ווארפען זיך די ווילד־געווארענע ווינטען אויף די
זילבער ווייסע פליגעל פון מיין שיף,
רייסען זיי, ווי זיי וואלטען פאהנען פון שונאים געווען,
און מיין שטאלצע שיף הויבט שוואך איהר קאפ צום הימעל אויף,
ווי זי וואלט צו דער פארשוואונדענער זון נאך הילף גערופען . . .
א מיעדע פאלט זי צוריק אין דעם טיפען וואסער־טאל, וואס די
ווינטען האבען פאר איהם געגראבען ! . . .
מיין שיף איז נאך קאמפפס־בארייט, א גאט, מאך זי שטארק
פאר דער מלחמה ! . . .
וואס זאגט איהר, טויט־בלאסע מאטראזען?
הויך רעדט ארוים, שרייט די ווינטען איבער, הויך רעדט ארוים!
מיינט דאס אז מיין שטאלצע שיף מוז אונטערגעהן?
פארוואס שטעהט איהר שטום, מיט פארלייגטע הענט,
מאטראזען בראווע?
זאמעלט דעם קוראזש פון אייערע העלדישע הערצער, פארריכט
מאסטען און זעגלען,
ניט ציטערט פאר די שטורעמס און פאר די בליץ־פייערען וואס
האבען הימעל שווארץ צוברענט!
ניט שרעקט זיך פאר ים און שטורם וואס האבען געגען מיין
שיף א בונד געשלאסען!
ניט שרעקט זיך פאר׳ן ראכע־געשריי פון די פארצעהרענדע
כוואליעס!
מאן צו מאן, טהוט אייער פליכט, העלדישע הערצער!
דער האפען איז ניט ווייט, דער ציעל איז נאהענט!

צו שפעט! צו שפעט!
די מאסטען צובראָכען, די זעגלען פון די ווינטען
ארונטערגעריסען!
די כוואַליעס האָבען די זעגלען איינגעשלונגען . . .
אַ שיף אָהן זעגלען, אָהן מאסטען! . . .
העלדישע מאטראָזען, זיהן פון שטורם און בייזע ימים,
אין קאמף געפאלען . . .
טויט־ווייסע ליפען וידוי׳ם מורמלען,
מיין שיף, א חורבה ליגט און ווערט פון ווינטען און כוואליעס
געוואָרפען . . .
די ווינטען זינגען די הימנע פון טויט,
די כוואליעס טאנצען פון טריאומף! . . .
רחמנותלאָזע ווינטען! רחמנות׳לאָזער ים! . . .
מאטראָזען! מאטראָזען! איז מעהר קיין הילף ניטאָ?
אפשר שיינט א ליכט־טורם פון ווייטען?
קוקט איבער די וואַסער פעלזען, אפשר פאָרט אַ ליכט וואו לייכט?
און די ווינטען שרייען, און דער ים צאָרנט,
און כוואליעס ווי שדים ווילדע וואַרפען זיך אַרום מיין
חורבה־שיף . . .
אָהן אַ קאמפאס, אָהן אַ רודער, אָהן מאסטען, אָהן זעגלען!
מיין שיף פארלוירען? יאָ!
מאָרגען קומען שיפען אַנדערע
וואָס וועלען גובר זיין
דעם ים, דעם שטורם.

★ ★ ★

דורות

שטראָמען
לויפען,
שפרינגען,
שפילען,
לאַכען,
קוועלען,
טאַנצען,
זינגען,
שרייען,
שאַלען,
פאַלען,
דאָך קיין שאָרך
מעהר מען הערט,
עס ליגט
אין תהום
שטומער שוים . .

דאָס שווערד געזאַנג

(אַ מלחמה ליד ון די אמאָליגע קעלטישע פעלקער)

טאַנץ, טאַנץ, מלחמה בלוט און וויין,
די זון איז דיין!
פייער, פייער,
שטאָהל, שטאָהל,
בוימער, בוימער,
ערד און כוואַליעס!
אָ, דאָס טאַנץ־ליעד!
אָ, דאָס טויטען ליעד!
פייער, פייער,
שטאָהל, שטאָהל,
שטורם, שטורם,
טאַנצט דעם שווערדען טאַנץ,
דרעהט אין רעדעל זיך,
זינגט דאָס געזאַנג פון שלאַכט,
זינגט מיט הארץ,
זינגט מיט מאַכט,
אָ, פייער! אָ, פייער!
אָ, שווערד קעניג!
אָ, קאמף קעניג!
אָ, פייער! אָ, שטאָהל!
טאַנצט, טאַנצט,
דעם שווערדען טאַנץ,
זאָלען די כשוף שטראהלען
פון רעגענבויגען
באַציערען דיין שארף
אָ, מלחמה שווערד!
אָ, טאַנצט! אָ, טאַנצט!
פייער, פייער,
שטאָהל, שטאָהל,
בוימער, בוימער,
און כוואַליעס!
טאַנץ, טאַנץ, מלחמה בלוט און וויין!

דער קאמף און דער נצחון פון נאציאָנאַלע גערדאנק צווישן די אידישע פאָלקס־מאסען אין אמעריקא

צוויי שטאַרקע שטראָמען האָבען געפלאָסען אין דעם אידישען פאָלקס־לעבען פון אמעריקא נאָך בעת דער גרויסער אידישע אימיגראַציע פון די 80ער יאָהרען און שפּעטער טאָקע יאָהר נאָך דער גרויסער מזרח אייראָפּא אימיגראַציע. פון די 5טע עוועניו טעמפּלען האָט געפלאָסען דער אסימילאַציאָנס שטראָם פון די דייטש־אמעריקאַנער פון „מאָזייאישען גלויבען,״ פון איסט בראָדוויי האָט געשטראָמט דער קאָסמאָפּאָליטיזם פון די „אידיש שפּרעכענדע״ רעוואָלוציאָנערן.

„פאַראַן אמעריקאַנער פון קאַטוילישען גלויבען, אמעריקא־נער פון פּראָטעסטאַנטישען גלויבען, זיינען מיר אמעריקאַנער פון מאָזייאישען גלויבען, אוים אידען, אוים אידען־פראַגע, אוים אנטיסעמיטיזם.״ דאָס איז געווען די לייזונג פון די בראָד־וויי בריד'ער.

„מיר זיינען ניט קיין אידען, נאָר אידיש רעדענדע סאָציא־ליסטען, מיטן אָפּשאַפען פון קלאַסען־קאַמף, פּריוואַט אייגענטום, וועלען אַלע נאַציאָנאַלע און ראַסען פראַגען געשליכטעט ווערען, וועט דער אנטיסעמיטיזם, „דער סאָציאַליזם פון די נאַרן,״ ווי אויגוסט בעבעל האָט זיך אויסגעדריקט, קריגען א טויט־קלאַפּ, וועלען מיר ווערען מיט מענשען גלייך, וועט די אידען פראַגע געלייזט ווערען.״ אזוי האָבען הייליג געגלויבט און פּראָקלאַמירט די אידיש שפּרעכענדע זיהן און טעכטער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

האָבען אָבער ביידע, די גלות אסימילאַטאָרען און די גלות רעוואָלוציאָנערן דעם חשבון אָהן דעם בעל הבית גע־מאַכט . . . איז דער חשבון א פאַלשער געווען . . . דער גרעס־טער טהייל פון דער גוי'שער מענשהייט האָט אונזער חשבון ניט געוואָלט אָננעמען. פאַר זיי האָבען סיי די אסימילאַטאָרן, סיי די קאָסמאָפּאָליטען באַלאַנגט צו א ראַסע וואָס מען דאַרף פאַרטילגען, אָדער אמווייניגסטענס שטעלען אונטער אויסנאַם־געזעצען.

א הונדערט יאָהר נאָך דער אידישער עמאַנציפּאַציע, אי־דישער גלייכבאַרעכטיגונג, ביים סאַמע אריינטריט אין דער הערליכער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט פון וויסענשאַפט, אויפ־קלערונג און טאָלעראַנץ, האָט זיך אָנגעפאַנגען נייע סדרות פון פּאָגראָמען, אנטי־אידישע געזעצען, נומערוס קלאַוזוס און נומ־

רוט נולים, בלוט בלבולים, א דרייפוס אפעיר, זקני ציון פראָטאָקאָלען.

אין פוילען, רומעניען, אונגארן, און צארישען רוסלאנד, וואו ניט? זיינען אויפגעשטאנען שטארקע שווארצע כחות, אנטיסעמיטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבען גענומען ווערען אַ גרויסע סכנה פאַרן אידישען קיום, האָט די אסימילאציע און דער קאָסמאָפּאָליטיזם מורא׳דיג באנקראָטירט.

עס האָט ניט געהאָלפען די כינעזישע וואַנט מיט וועלכער די „אידיש רעדענדע״ רעוואָלוציאָנערן האָבען ארומגעצוימט ארום די אידישע פאָלקס־מאַסען אַז דער נאַציאָנאַלער געדאַנק, דער ציוניזם זאָל ניט אַריינדרינגען, די סכנה שטורם׳ס פון דער דרויסיגער וועלט האָבען די וואַנט איינגעבראָכען און דער אידיש נאציאָנאלער געדאנק, דער געדאַנק וועגען דעם ווידערגעבורט פון אידישען פאָלק אין לאנד פון זיינע אבות, האָט זיך אריינגעריסען אין די הערצער און אין די מחות פון די אידישע פאָלקס־מאַסען אויך אין אמעריקא.

עס זיינען פון פריהער שוין געוועז צווישען די אידישע פאָלקס מאסען קליינע גרופען וואָס האָבען געפיהלט און פאַרשטאַנען אַז ניט דער קאסמאפאליטיזם און אודאי ניט די אסימילאציע קאָנען און וועלען זיין די לייזונג צו דער אידען פראַגע, אָבער זיי האָבען קיין מאַכט און באַדייטונג נאָך ניט געהאַט, זיינען זיי פאַרלאַכט און פאַר־חוזקט געוואָרען . . . דאָס איז אַזוי געווען ביז וואַנען די סכנה־שטורם׳ס האָבען די אויגען פון די בלינדע געעפענט און זיי האָבען דעם אמת׳ן פרצוף פון דער גלות־וועלט דערזעהן, האָט מען דעם מו־א׳דיגען באנקראָט פון דער אסימילאציע און דעם קאסמאפאליטיזם דערפיהלט.

האָט לואיסאָן דעם באנקראָט פון דער אסימילאַציע הויך פראקלאמירט, און מאקס פיין האָט דעם באנקראָט פון דעם קאסמאפאליטיזם אָנגעזאָגט. איז דער געווערקשאפטען קאמפעין געוואָרען, איז די פועלי ציון פארטיי אויף דער אידישער פאָלקס־גאַס אַרויס, איז דער אידישער נאציאָנאלער ארבייטער פאַרבאַנד געבוירען געוואָרען און זיי האָבען באַדייטענדע פאָזיציעס אין לעבען פון די אידישע פאָלקס־מאַסען פאַרנומען, זיינען נאציאָנאלע אידישע אלוועלטליכע שולען אויסגעוואקסען. זיי האָבען געטראָגען דעם נאציאָנאל אידישען געדאנק, זיי קעמפען מיט די א־בייטער אלס ארבייטער, און מיט די אידען אלס אידען, מיט ארץ ישראל אלס די לייזונג צו דער אידען פראגע, איז געווען און געבליבען זייער לעבענס ציעל.

שווער איז געווען דער קאמף אָבער גרויס דער נצחון וואָס דער נאציאָנאלער געדאנק האָט געהאט צווישען די אידישע פאָלקס־מאסען אין אמעריקא.

ארבייט און אויפבוי

דעם געווערקשאפטען קאמפעין געווידמעט

ארבייט און אויפבוי! וואָס פאַר אַ גרויסע געשיכטליכע באַ-דייטונג די צוויי ווערטער פאַרקערפּערן אין זיך. אין זיי איז אויסגעדריקט דער סך הכל פון אונזער ציוויליזאַציע, פון אונזער גייסטיגער און מאַטעריעלער קולטור. קיין פאָלק, קיין לאַנד, אונזער סאָציאַלער לעבען וואָלט קיין קיום ניט געהאַט אָהן אַרבייט, שאַפען, אויפבוי.

אידיש נאַציאָנאַלע אַרבייט, אידיש נאַציאָנאַלער אויפבוי! וואָס פאַר אַ הייליגער פּאַטהאָס און וויפיעל פּאָעזיע עס ליגט אין דיזע ווערטער.

דער גלות האָט אונז פאַר לופט מענשען געמאַכט, פאַר הענדלער, פאַקטאָרס, הלפנים, בטלנים, באַנק-קוועטשער, פאַר „טרוימער פון דער געטהאָ" געמאַכט, און דערפאַר איז אַרבייט און אויפבוי נאָך עד היום פאַר טהיילען פון אונזער פאָלק אַ פרעמדע זאַך געבליבען.

נאַציאָנאַלע אַרבייט, נאַציאָנאַלעס שאַפען, אידיש נאַציאָ-נאַלער אויפבוי!

די ווערטער טראָגען אין זיך דעם צוויי טויזענד יאָהר אַלטען חלום פון אונזער פאָלק און די איינציגע מעגליכקייט איהם צו פאַרווירקליכען.

די הערליכסטע האָפנונג, דער הייליגסטער לעבענס צוועק פון די נאַציאָנאַל געזאַנגענע זיהן און טעכטער פון אונזער פאָלק זיינען פאַרקערפּערט אין דיזע ווערטער. אַלע פייערדיגע רייד, טרייסטענדע געדאַנקען, אַלע פלאַמענדע געפיהלען פון די פּיאָנערען פון דער אידיש-נאַציאָנאַלער ווידער-געבורט באַ-וועגונג זיינען צוזאַמענגעוועבט מיט דיזע ווערטער. די נשמות, חלומות, האָפנונגען, שטרעבונגען פון הערצל, נאָרדאו, זאַנג-וויל, וויצמאַן, סאָקאָלאָוו, סירקין, בוראָכאָוו און פון די טויזענדער חלוצים און חלוצות. די פּיאָנערן פון דער פּאַקטי-שער אויפבוי אַרבייט, דער סאַמע ווידערגעבורט פון אונזער פאָלק אין זיין אייגען לאַנד זיינען פאַראייביגט געוואָרען אין די ווערטער: נאַציאָנאַלע אַרבייט, נאַציאָנאַלער אויפבוי.

אַרבייט און אויפבוי! עס איז דער דראַנג, דער ווילען און די איינציגע מעגליכקייט צו פאַרווירקליכען דעם פלאַמענדען

וואונש, פון אַלע אידישע נאציאָנאַלע חלומות צו ווערען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך אין דעם אייגענעם לאַנד.

אידישע נאַציאָנאַלע ארבייט און אויפבוי! דאָס מיינט פעראייניגען דעם איד מיט דער ערד, דאָס פאָלק מיט'ן לאַנד, די הענד מיט געצייג. דאָס מיינט אקער־אייזענס, גראבלעס, לאָפּעטעס, דרעש־מאַשינען, האמערס צו קלאַפּען די שטיינער, טרעקטאָרס צו מאכען גאסען און שטראסען, בעוואסערען דאָס לאנד, איינשפּאַנען דעם ירדן, דאָס מיינט ציגעל געמאכט פון אידישע הענד, הייזער און פאבריקען געפלאַנט און געבויעט פון אידישען גייסט, אידישע קראפט. תבואות פעלדער גע־אקערט מיט אידישען שוויים און געשניטען מיט אידישען געזאנג . . .

ארבייט און אויפבוי מיינט חלוצים און ניט קיין חלוקה־נעהמער, עס מיינט קאסטענס געפּאקט מיט אידישע פּראדוקטען און ניט קיין מאיר בעל הנס פושקעס, דאָס מיינט ברענגען די יונגע געזונטע אידישע שאפענדע כחות צו דער ערד אין ארץ ישראל, אנשטאט צו פיהרען די ארץ ישראל ערד חוץ לארץ צו בענוצען זי פאר' טויטע.

ארבייט און אויפבוי מיינט פערוואנדלען דאָס געוויין ביים כותל מערבי אויף די לידער פון די ארבייטער און בויער פון לאַנד.

ארבייט און אויפבוי, מיינט פערהייליגען דאָס לאנד דורך בעארבייטען די ערד, שאפען גערטנער, פעלדער, שאסעען, לייגען באהן רעלסען, בויען סטאנציאנען, דורכציהען דאָס לאנד מיט טעלעגראף־דראהטען, בויען שולען, אוניווערזיטעטען, מוזע־אומס, קונסט אקאדעמיעס, פאבריקען, דורכשניידען בערג, אויס־גראבען טונעלען, פערשיטען טהאלען.

דורך ארבייט און אויפבוי ווערען פעלקער און לענדער געשאפען, ווערען פעלקער און לענדער ווידערגעבוירען.

אונזער ווידערגעבורט אלס פאָלק אין אונזער אייגען לאנד קאָן נאָר קומען דורך ארבייט און אויפבוי; אָהן ארבייט און אויפבוי מיינט נאציאָנאלער אונטערגאנג, נאציאָנאלער זעלבסט־מאָרד.

לעבט אין דער אידישער נאציאָנאלער נשמה די מורא פאר'ן אונטערגאנג דאן מוז דאָרט געבוירען ווערען דער וואונש און ווילען פאר ווידערגעבורט. שרעקט אונז ניט דער אונטער־גאנג דאן וועט די גרעאַפּטע ווידערגעבורט בלייבען אַ שעהנער חלום געזעהן פאר'ן טויט . . .

עס ווילט זיך ניט גלויבען אז די צורים׳ענע טהיילען פון א פאָלק וואס איז אין די צוויי טויזענד יאָהר פון טויט און פערניכטונג אין גלות געבליבען לעבען, זאָל מיט זיין אייגענער האַנד אונטערשרייבען און דורכפיהרען זיין נאַציאָנאַלען טויט אורטהייל.

האָט די טראגישע געשיכטע אונזערע, א הערליכע און הייליגע מיסיע דעם שאַפענדען קלאַס פון אונזער פאָלק צוגע־טהיילט, אויף איהם דעם שווערען, גרויסען גורל געוואָרפען אַז ער זאָל די פאַקטישע נאַציאָנאַלע אויפבוי־ארבייט דורכפיהרען. האָט דער נאַציאָנאַל און סאָציאַל באגייסטערטער פיאָנער און שאפער א הייליגע שבועה זיך געגעבען די גרויסע מיסיע דורכ־צופיהרען, בויען די אידישע נאַציאָנאַלע היים אויף סאָציאלע יסודות.

ניט קיין ערדציטערניש, ניט קיין קריזים און ניט די אראבישע אומפריינדליכקייט און ניט אַלע דערנער וואָס ליגען אויפ׳ן וועג צו דער אידישער נאַציאָנאַלער ווידער־געבורט אין אייגען לאַנד האָבען זייערע שאַפענדע הענד, טראַכטענדע מחות אָפגעשוואַכט, ניט זייערע פייערדיגע געפיהלען און פלאַמענדע האָפנונגען אויסגעלאָשען. דער אידישער סוחר, לופט־מענש, דער פאַקטאָר און ספעקולאַנט וועט אנטלויפען אָבער ניט די אידישע שאַפער, בויער, די אידישע ארבייטער, די פיאָנערען, די חלוצים.

שאַפען זיי דאָס אידישע נאַציאָנאַלע לעבען אויף סאָציאַלע יסודות, גיבען זיי זייערע כחות, זייער לעבענס־קראַפט, מארך, שוויים און בלוט דעם לאַנד און פאָלק אוועק, מוז מען זייערע הענד שטאַרקען, ארבייטס־מיטלען פאַר זיי שאַפען, געלט פאַר זייערע באַנקען און קאָאָפעראַטיווען שיקען.

און וואָס שטאַרקער דער צאָרן פון די וואָס שרעקען זיך פאַר דער וואַקסענדער מאַכט פון די אידישע שאַפער און בויער אין ארץ ישראל, וואָס גרעסער עס ווערט די געגנערשאַפט פון די הענדלער, סוחרים, לופט־מענשען, ערד און הייזער ספע־קולאַנטען געגען די סאָציאַלע טענדענצען פון די פאַלעסטינער אידישע ארבייטער און בויער אַלץ קרעפטיגער, אַלץ גרעסער מוז ווערען די מאָראַלע און פינאַנציעלע שטיצע פון די אידישע מאַקסמאַסען פון חוץ לארץ.

די אידישע פיאָנערען אין פאַלעסטינא האָבען די באַגייס־טערונג, דעם גרויסען אידעאַל, דעם וואונש, דעם ווילען און דעם כח די ארבייט אָנצופיהרען און דורכצופיהרען, און מיר מוזען פאַר זיי שאַפען די מיטלען.

אינהאלטס פארצייכענונג

זייט

צוליב וואס 4

אויב 5

איך בין די פעדער 6

פילאדעלפיא 8

תמיד וועט 10

פריהמאָרגען אויף דעלעווער עוועניו 11

מיטאָג־צייט אויף מארקעט סטריט 13

„זיידע" וויליאם פען 15

די פערראָסטעטע פעדער 16

שיקזאל 17

שמע ישראל 18

נשמות צו פארקויפען 21

איך בין יהודית 23

דער קלאָג פון די בלעטער 24

דער מענש מיט טויזענד פנים'ער 25

איך זינג פאר דעם פארגעסענעם מענש 27

דאָס געזאנג פון די זאנגען 29

מענש און נאטור 30

א בקשה צום לעבען 32

מיר זיינען פון שטאָל און פון שטיין 33

דער נביא אין תפיסה 35

נצחון און בטחון 36

צו די ווינטען 39

זייט

דער געבורט פון דעם רינג פון רינגען 41
די ענטוויקלונג און די דערגרייכונגען פונם רינג
פון די רינגען 43
די תפילה פון אלע תפילות 47
וועלט שטורם 49
דער סוד פון לעבען 50
מיר — אידען 51
האט איהר אן ארט? 53
דער שלאס פון חכמה 57
ווער וויסט 57
איינע פון פיעלע 58
א געזאנג פון א כינעזישער מיידעל 59
גאט, מענש, טייפעל און מאשין 60
דאס געזאנג פון ווינט גאט 62
דאס פארשפראכענע לאנד 63
דער וועג צום גרויסען גייסט וואקאנדא **64**
דער מבול 65
מיין קינד 65
אן אינדיאנער געבעט 66
ליעבע 66
די געשיכטע פון דער מענשהייט 67
פארוואס? 67
פריהלינג 68
הארבסט 68
גליק און אונגליק 68

זייט

דער צדיק און די ווערים	69
זאָג מיר מענש	71
די שווארצע	72
ס'האָט א שד זיך געוועט	73
דעם בויער'ס הענט	75
צוויי צייט נביאים	76
דער כח פון מוזיק	77
קין און הבל	79
דער זון-מאַן און זיין לבנה־ווייב	81
זאָג מיר	82
דער רוף פון די בערג	83
אדם א מענש	85
איך זינג דאָס ליד פון די דורות	86
דאָס געבורט פון שעהנהייט געטין	88
צו די מאָראל פרעדיגער	89
זון און נשמה	90
זי . . .	91
סטאלינגראד	92
דער שאך שפיל צווישען געדאנק און געפיהל	93
ווער בין איך?	94
ליבע און קאמף	95
די שיף	97
דורות	99
דאָס שווערד געזאנג	100

* * *

G.I.O.
57